# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 117 - Spring 1991 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3xq4w82r

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 117(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1991

**Copyright Information**
Copyright 1991 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 117

SPRING
1991

פרילינג
תשנ"א

אַרויסגעגעבן פון:
• לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:
• ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
• אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


לילקע מייזנער: אויפן טויט פון משה כהן ז״ל — 3
שרה ליינער: ביים סוף פסוק... — 5
ברונאַ שולץ (יידיש — מ.ש.): אין סאַמע מיטן פסח — 7
משה שקליאַר: אַ וואָרט וועגן ברונאַ שולץ — 11
משה עטינגער: לידער — 16
שירה גאָרשמאַן: די זריעה איז גראָד אויפגעגאַנגען — 17
מ. וואַלדמאַן: לידער — 19
חנן קיעל: שמשון אַפּטערס נאָוועלן — 22
מאיר חרץ: לידער — 28
לילי בערגער: פּאַרשפּעקטיק (דערציילונג) — 32
חיים פלאָטקין: לידער — 39
משה שקליאַר: לידער — 40
ישאַק בורשטין־פינער: אַ קינד דערציילט — 41
ישראל גובקין: דריי האָבן געערדט (מיניאַטורן) — 44
חנן קיעל: לידער — 45
לאָטי פ. מלאך: אַ תכלית (דערציילונג) — 47
חיים שוואַרץ: ליד — 53
שמואל איזבאַן: ביים טיטוס־טויער אין רוים — 55
חיים קעניגער: לידער — 57
הינדע זאַרעצקי: לידער — 58
עקיבא פישבין: שלמה זעלינגער — דער סקולפּטאָר — 59
ברוניא קאַהאַן: ליד — 64
יוסף האָרן: אייניקייט און מדרגה — אונדזער זכות־הקיום — 65
יצחק קאַהאַן: אַ. ריבאַקאָווס אינטערוויו און י. אָקרוטניס
„טויבע טעריטאָריע״ — 68
יצחק קאַהאַן: ש. טענענבוימס אויטאָביאָגראַפישע ווערק — 72
* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב — 76
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע — 77
* אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן (נעקראָלאָגן) — 78 — 85

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראָטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
**לאוי סענענסיב, פּרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street · Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A. CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Coeditor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

N. STEINMAN, Financial Sec'y
12017 Geshon Ave. Apt. 7, L.A. CA 90049–Tel: 820-2976
H. HIRSH, Administrator
Members: M. COHEN, N. GIEROWITZ, L. MEISNER & J. SHAFER



Subscription price: 8:00 per year



# חשבון

נום. **117**

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען



משה שקליאר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג:
מיטגלידער:

**נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.**
**צבי הירש, פאַרוואַלטער**
**נתן גוראָוויטש, משה כהן**
**לילקע מייזנער און**
**יעקב שייפער**



47 סטער יאָרגאַנג, נומער 117 • פרילינג 1991 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


**ה'תשנ"א** **5751**

לילקע מייזנער

## אויפן טויט פון משה כהן ז"ל

(אָנשטאָט בלומען אויף זיין קבר)



"איך האָב געשפּאַנט
דעם רעגנבויגן אַנטקעגן
איצט ליגט ער פאַר מיר
פאַרלאָשן אויף אַלע וועגן."
(מענדל מאַן "איצט")

פרייטיק, דעם 29־סטן נאָוועמבער 1990, האָט זיך פאַרענדיקט דער דריי־יאָריקער פאַרביסענער קאַמף פון משה כהן מיט דעם מלאך המוות. דריי יאָר צייט האָט משה כהן געפירט אַן אומדערמידלעכן געראַנגל און געוואָלט ,געוואָלט אַזוי שטאַרק בייקומען דאָס וואָס לאָזט זיך נישט בייקומען. לסוף איז ער איינגעשלאָפן אַ מידער — איינגעשלאָפן אויף אייביק.

און כאָשט זיין לעבן איז געווען פול, קאָלירפול, אינטערעסאַנט, סטימולירנדיק, איז דער בלויז וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט מיט זיין אַוועגיין, אַ גרויסער. ער האָט געהערט צו דעם דור פון גלויביקע, דעם דור וואָס האָט טיף געגלויבט אין זיינע איבערצייגונגען, אין די אידעאַלן פאַרבונדענע מיט דעם פאָלק דורך פאַרשיידענע פעדעם.

פון דער ווייטער אוקראַינע ביז אַמעריקע איז אַ גרויסער מהלך, און ער האָט דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן וועג נאָך אַלס קינד. געבוירן אין יאָר 1911 אין אַ טראַדיציאָנעל יידישער משפחה, האָט משה כהן זיינע יינגסטע יאָרן פאַרבראַכט נישט אין זיין געבוירנשטאָט, נאָר אין אַמעריקע, ווו די משפחה האָט זיך באַזעצט, צוערשט אין מינעאַפּאָליס. די ליבשאַפט צו ישראל איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין משהן גאַנץ פרי. דער יונגער ענטוזיאַסטישער בחור ווערט פאַרכאַפּט מיט דעם חלום פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, און ער גיט אַוועק אַ סך מי, צייט און אַרבעט פאַר אָט אָט דעם אידעאַל. ער באַגרענעצט זיך אָבער נישט בלויז צו זיין פאַרטיי־אַרבעט. ער ווערט גיך אַריינגעצויגן אין אַלע צווייגן פון יידיש שעפערישן לעבן. ער האָט ליב און האַלט טייער די ווערטן פון זיין פאָלק. זייער אָפט פלעגט ער זיך באַקלאָגן אויף דער טראַגעדיע פון נעגירן די יידישע שפּראַך אין ישראל. ער האָט געהאַלטן, אַז די יידישע שפּראַך האָט דאָס פולע רעכט צו הויזן צוזאַמען מיט העברעיש, און געווייטיקט צוליב דעם וואָס עס איז נישט אַזוי. זיין ליבשאַפט צו יידיש, צו יידישער ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען איז געווען אומגעהייער.

די פּאָרמירנדיקע יאָרן האָט משה כהן פֿאַרבראַכט אין ניו־יאָרק, ווו ער האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג און זיך אָפּגעגעבן מיט יוגנט־אַרבעט און דערציונג. אין יאָר 1944 קומט ער מיט זיין משפּחה קיין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַל., ווו ער איז אַקטיוו אין דער הסתדרות, אין ציוניסטישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד און אין ביוראָ פֿון יידישער דערציונג. משה כהן אָרגאַניזירט אין לאָס־אַנדזשעלעס די יוגנט — באַוועגונג "הבונים" און ווערט איר גייסטיקער מנהיג.

משה כהנס לעצטע יאָרן זענען פֿאַרבונדן מיט דעם ידישן קולטור־קלוב. נאָך דעם טויט פֿון אַלעקס ראבין ווערט ער פּאָרזיצער פֿונעם קלוב און טראָגט דעם יאָך און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער אַרבעט אין משך פֿון צען יאָר. דאָ אַנטוויקלט זיך נאָך מער זיין טיפֿע ליבשאַפֿט צו דער פֿאָלקס־ירושה וואָס איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן פֿון דור צו דור. זיין גאַנצע מי איז געווידנט צום דערהייבן דעם יידישן קולטור־קלוב צו אַן אַלץ העכערן ניוואָ. ער איז מיט לייב און לעבן געווען פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט פֿונעם קלוב, וואָס איז געווען און איז אַלץ מער געוואָרן אַן אַדרעס פֿאַר יידישע קולטור־מענטשן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

משה כהן איז געווען אַן אומדערמידלעכער טוער, ער האָט שטענדיק געפֿאָדערט פֿון זיך און אַזוי אויך פֿון אַנדערע. ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע וואָרט אין זיינע פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, פֿלעגט אָפֿט פֿאָרלייענען פֿון דער יידישער פּאָעזיע; אים איז געווען אייגן דאָס יידישע ליד, יידישע מוזיק און יידישער הומאָר.

עס איז שווער אין אַ קורצן הספּד אַרומצובערענגען די גאַנצע קאָמפּליצירטע געשטאַלט פֿון משה כהן, זיין אַלזייטיקייט ווי אַן אקטיווער טוער פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג; אַ פֿאַרליבטער אין יידישן לשון און יידישער קולטור; אַ ליבהאָבער פֿון שיינער מוזיק און פּאָעטישן וואָרט און איבערגעגעבענעם מאַן, פֿאָטער און משפּחה־מענטש.

געזעגענענדיק זיך מיט משה כהן גיבן מיר זיך אָפּ אַ חשבון ווי שטאַרק מיר זענען פֿאַראָרעמט געוואָרן. אָבער אין אונדזער אָרעמקייט זענען מיר רייך — רייך מיט געשטאַלטן וואָס האָבן אונדז צוגעגעבן מוט, קוראַזש און איבערגעלאָזט אַ ירושה און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט ווייטער אָנצוגיין און פֿאָרזעצן די אַרבעט. ווועלן מיר זיך באַמיען דאָס צו טאָן אין זייער אָנדענק, אין משהס אָנדענק.

שטייענדיק פֿאַרומערטע פֿאַר דעם ליידיקן פּלאַץ וואָס משה כהן האָט אונדז געלאָזן, האָט זיך געטראַכט, אַז די שענסטע בלום וואָס מיר קאָנען אַוועקלייגן אויף זיין פֿרישן קבר, איז אונדזער אַנטשלאָסנקייט ווייטער צו שפּינען און אָפּהיטן אונדזערע יידישע ווערטן, די יידישע קולטור.

ער האָט "געשפּאַנט דעם רעגנבויגן אַנטקעגן". איצט איז דער רעגנבויגן פֿאַר אים פֿאַרלאָשן.



שרה ליינער

# ביים סוף פּסוק...

## (צו די שלושים נאָך **משה כהן** ע"ה)

משה כהן ע"ה איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ווי שרעקלעך איז אָט דער געדאַנק. ס'איז שווער צו פֿאַרשטיין דעם ציקל פֿון מענטשנס לעבן, וואָס ענדיקט זיך מיטן טויט. אוודאי מאַטערן געדאַנקען וועגן אונדזער אייגענעם, אומפֿאַרמיידלעכן גורל. שווער, זייער שווער צו פֿאַרשטיין די מיסטעריע. אַלץ איז פֿאַרהילט אין געדיכטן סוד, אונדזער לעבן, אונדזער זיין, די נאַטור, דער גאַנצער מענטש. אַזוי איז דאָס זינט בראשית, זינט דעם וועלט־באַשאַף. ס'איז אומזיסט זיך צו גריבלען אין דעם. מען ווערט געבוירן — איז מען שוין פֿאַרמשפּט צו טויט, פֿריער אָדער שפּעטער.

לויט דער אויפֿפֿאַסונג פֿון יהדות, האָט זיך אפשר נישט געלוינט געבוירן צו ווערן, ווייל די הוצאות פֿון לעבן זענען גרעסער ווי די הכנסות; פֿאַר יעדן טראָפּעלע גליק, פֿאַר אַ ביסעלע פֿרייד, באַצאָלט מען מיט אומגליק און פּיין.

די גמרא ברענגט, אז די צוויי אַקאַדעמיעס פֿון די צוויי באַרימטע חכמים, הלל און שמאי האָבן זיך מתוכם געווען, האָבן דיסקוטירט אַ לענגערע צייט וועגן דעם זין און תכלית פֿון מענטשנס לעבן; נאָך אַ צוויי יאָר זענען זיי געקומען צום אויספֿיר, אַז עס האָט זיך טאַקע נישט געלוינט געבוירן צו ווערן. אָבער, אַז מען קומט שוין יאָ אויף דער זינדיקער וועלט — מען פֿרעגט דאָך אונדז נישט — זענען מיר מחויב צו טאָן דאָס בעסטע וואָס ס'איז מעגלעך; מען דאַרף זען צו מאכן דאָס לעבן אַ ביסעלע שענער או בעסער, און יעדער איינער קאָן מאַכן אַן אונטערשייד, געבנדיק פֿון זיך דאָס, וואָס ער איז בכוח צו געבן.

*

אוודאי טרויערן מיר אויף דעם פֿאַרלוסט וואָס איז זייער גרויס. משה כהן איז אַוועק צו פֿרי. ער האָט נאָך געקאָנט און געהאַט אַ סך וואָס צו געבן. טרויערן מיר אויף זיין אוועקגיין, ווי עס זאָגט זיך אין מסכת ביצה און ווערט דערמאָנט אין רות רבה: "מת אחד מן החבורה תדאג כל החבורה כולה".

אויב איינער פֿון דער חברותא ווערט נפֿטר, גייט אַוועק אין דער אייביקייט, איז דער גאַנצער קרייז טיף גערירט און באַזאָרגט. ער וועט אונדז זייער אויספֿעלן. אָבער ביי די שלושים, נאָך 30 טעג פֿון דער פּטירה, מוז דאָס לעבן אָנגיין ווייטער. ס'איז זיכער אַז משה ע"ה האָט אזוי געוואָלט.

איצט. ביים סוף פּסוק, ביים פֿינאַל, קאָן מען אַריינדרינגען אין משה כהנס פֿאַרגאַנגענהייט, זען וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן אויף דער וועלט, און ווי ער האָט דורכגעפֿירט זיין שליחות. ווי די מספּידים ביי זיין לוויה האָבן אונדז דערציילט פֿאַרשיידענע עפּיזאָדן פֿון זיין לעבן, האָט ער אַלס יינגל, ביי 13 יאָר, באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד; ער האָט זיך געלערנט און אויך גלייך זיך אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. די פֿירערשאַפֿט אין דער פּאַרטיי האָט גלייך דערקענט אין דעם יונגן בחור זיינע פֿעיקייטן ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר און סיסטעמאַטישער פּראַקטישער טוער, און ער ווערט גיך אַן אַקטיוויסט און אַליין אַן אָנפֿירער פֿון דער יוגנט. נאָכן קומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס פֿירט ער אַ ברייט פֿאַרצווייגטע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־טעטיקייט. ווי אַ מיטגליד פֿון "באָרד פֿאַר יידישער דערציונג", פֿלעגט ער שטענדיק ביישטייערן זיין וואָגיק וואָרט; ער האָט געוווסט אַז

יידישער חינוך איז דער העכסטער געבאָט און פאָדערט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, ווייל נאָר דורך חינוך קאָן מען פאַרזיכערן דעם המשך פון יידישן קיום.

זיין ילד שעשועים, זיין עבודת הקודש, וואָלט איך געזאָגט, איז געווען דער יידישער קולטור־קלוב. דאָ האָבן מיר זיך מיט אים באַקענט נאָך אין די צייטן פון אַלעקס ראבין ע״ה. ער האָט גלייך געמאַכט אויף אונדז אַ ווונדערלעכן איינדרוק; עס האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינדשאַפט, וואָס האָט געדויערט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

נאָך ראבינען האָט משה כהן איבערגענומען דעם פאָרזיץ פונעם קלוב. מיר, די חברים און מיטגלידער פון יידישן קולטור־קלוב ווייסן זייער גוט ווי איבערגעגעבן ער איז געווען דער אינסטיטוציע, מיט וואָס פאַראַ ליבשאַפט און טריישאַפט ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. דער קלוב איז געוואָרן אַ שם־דבר נישט נאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס, נאָר אין גאַנצן לאַנד. משה האָט געהאַלטן, אַז צום קלוב קאָן באַלאַנגען יעדער ייד, נישט אָפּהענגיק פון זיין פאַרטייאישקייט. ער פלעגט איינלאַדן רעדנערס פון פאַרשיידענע פאַרטייען, מיט פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס. אַלץ וואָס איז יידיש — ווי פרץ האָט געזאָגט — איז אים נישט געווען פרעמד.

אַליין איז ער געווען אַ פועלי־ציוניסט, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו זיין אידעאַל, אָבער נישט געוואָלט אָנוואַרפן זיין מיינונג אַ צווייטן. ער איז געווען אַ מאָדערנער מענטש, אַ וועלטלעכער מענטש, אָבער גלייכצייטיק אַ טראַדיציאָנעלער ייד — אַ ייד אין גאַס און אַ ייד אין שטוב. און דאָס איז זייער וויכטיק.

די אַזוי גערופענע וועלטלעכקייט, אַפילו מיט ליבשאַפט צום יידישן לשון, האָט ליידער איבערגעריסן דעם קשר צווישן לשון און טראַדיציע; דאָס האָט פאַראָרעמט אונדזער יידיש, פאַרהאַרטעוועט, און דער אַראָמאַט האָט זיך אויסגעוועפּט.

משה כהן איז געווען אַן אוהב יידיש, אָבער אויך אַ חובב העברעיש. ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור, גאַנץ אָפט פלעגט ער אַליין רעציטירן אַן אויסגעקליבענע פאָעמע, אָדער גאָר פאָרלייענען אַן אגדה פון מדרש מיט טויזנט חנען. אַן אוהב ישראל, האָט ער געווייטיקט פאַרן יידישן גורל. ער האָט שטענדיק אָפּגעהיט אַ יידישן יום־טוב; פלעגט גיין שבתים אין שיל, געפירט אַ כשרע היים, און דאָך געווען אַ וועלטלעכער מענטש; אמונה און בילדונג זענען ביי אים געגאַנגען האַרמאָניש צוזאַמען, האַנט אין האַנט, אין דער בחינה פון ״יפיפותו של יפת באהלו של שם״.

ער איז געווען אַן אינטעליגענטער, קלוגער, אמתדיק עטישער ייד, א גרויסער בעל מידות, מיט דרך ארץ און רעספּעקט פאַר דעם מין מענטש; האָט שטענדיק געלייענט, געלערנט און געפאָרשט; דערצו אַ גרויסער עניו, קיין מאָל זיך נישט געוואָלט אַרויסשטעלן צו באַווייזן זיין וויסן, זיין קענטעניש, אַנטלאָפן פון כבוד. ער פלעגט זאָגן ווי משה רבינו ״מי אנוכי״? ווער בין איך? פאַרוואָס קומט עס מיר?

ער האָט געפירט דעם פאָרזיץ פונעם קלוב פּינקטלעך, פּראַקטיש, מיט אַ קלאָרן, גראָדן שכל, אין אַ שטילן טאָן, רואיק און געלאַסן. בעת אַ דיסקוסיע, ווען מענטשן פלעגן ווערן אַ ביסל צו היציק, פלעגט ער זיך אויפהייבן, באַרואיקן די געמיטער און שלום מאַכן צווישן די צדדים. ער איז געווען אַ שטילער מענטש, אָבער נישט קיין שוויַיגער און נישט קיין ״יעס־מאַן״. ווען ער האָט געזען עוולות פלעגט ער גלייך רעאַגירן.

די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן, דורכגענומען מיט גרויסע יסורים פון זיין געפערלעכער קראַנקייט, האָט ער העלדיש געקעמפט מיט דעם מלאך המות, זיך נישט אונטערגעגעבן און נישט אויפגעגעבן דעם פאָרזיץ פונעם קולטור־קלוב. אַפילו דעמאָלט איז זיין קאָפּ געווען קלאָר ביזן לעצטן מאָמענט, ווי עס ווערט געזאָגט ביי משה רבינו:



### ברונאָ שולץ

## אין סאַמע מיטן פסח *)

אין סאַמע מיטן פסח, סוף חודש מאַרץ אָדער אָנהייב אַפּריל, איז שלמה, טוביהס זון, אַרויס פון תפיסה, ווו מ׳האָט אים פאַרשפּאַרט אויף ווינטער נאָך די אַוואַנטורעס און ווילדע שטיק אין זומער און האַרבסט־צייט. אין איינעם אַ נאָכמיטיק פון יענעם פרילינג האָב איך אים געזען דורכן פענצטער, ווי ער איז אַרויס פון פריזירער, וועלכער איז געווען גלייכצייטיק דער שערער, פעלדשער און כירורג פון שטאָט. ער האָט געעפנט מיט פאָרזיכט, לויטן תפיסה־שטייגער, די גלאַנציק־גלעזערנע טיר פון דער שערעריי און איז אַראָפּ מיט די דריי הילצערנע טרעפּלעך, אַן אָפּגעפרישטער און פאַרייִנגערטער, מיט אַ נעט צוגעשוירענעם קאָפּ, אינעם אַ ביסל צו קורצן סאַקל און הויך אַרויפגעצויגענע קראַטענע הויזן, אַ דאַרער און יוגנטלעכער, נישט געקוקט אויף זיינע פערציק יאָר.

דער פלאַץ פון דער הייליקער דרייאייניקייט איז אין יענער צייט געווען פוסט און ריין. נאָך דער פרילינגדיקער אויפטייאונג און בלאָטעס, פאַרשוועונקטע שפּעטער דורך שלאַקס־רעגנס, איז איצט דער ברוק געווען אָפּגעוואַשן אין די פיל טעג פון שטילן, דיסקרעטן וועטער, אין אָט די שוין גרויסע און אפשר צו לאַנגע טעג לויט דער פריער צייט, איבערמאָסיק אויסגעצויגענע, באַזונדערס אין די אָוונטן, ווען ס׳האָט נישט גענומען קיין סוף צום בין־השמשות, וואָס איז נאָך געווען פוסט אין זיין טיפקייט, אויסגעהוילט אין זיין אומגעהייערער דערוואַרטונג.

ווען שלמה האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די גלעזערנע טיר פון דער שערעריי, איז אין איר גלייך אַריין דער הימל, פונקט ווי אין אַלע קליינע פענצטער פונעם איין שטאָקיקן הויז, וואָס איז געשטאַנען אָפן צו דער ריינער טיפקייט פונעם שאָטנדיקן האָריזאָנט.

אַראָפּ פון די טרעפּלעך, האָט ער זיך געפונען פולשטענדיק איינזאַם אויפן ברעג פונעם גרויסן הוילן פלאַץ, ווי אַ מושל, דורך וועלכן ס׳איז דורכגעשוומען אַ העל־בלויער הימל אָן זון.

---

״לא כהתה עינו ולא נס לחה״ — זיין בליק שאַרפזיניק און זיין וואָרט מוטיק.

מיר אלע, חברים און פריינד, האָבן אים ארומגערינגלט מיט ליבע און גרויס רעספּעקט. ער האָט עס כשר פאַרדינט. מען האָט עס געקאָנט זען ביי זיין לוויה, ווען אַ ריזיקער עולם, הונדערטער מענטשן פון אַלע שיכטן, זענען געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטם כבוד.

* * *

איצט, טייערע אסתר, קינדער און אייניקלעך! וואָס קאָנען מיר אייך זאָגן? אייער אבידה איז גרויס, שווער אָפּצושאצן די טיפקייט פונעם פאַרלוסט און שווער מקבל צו זיין דעם צדק־הדין.

איר בלייבט אָבער מיט ווונדערלעכע זכרונות; איר וועט שטענדיק געדענקען די פיינקייט און איידלקייט פון זיין נאַטור; זיין איידעלע באַציונג צו אייך. זאָל דאָס זיין אַ טרייסט פאַר אייך. מיר אַלע וועלן אים געדענקען.

מיט די ווערטער פון ״רות רבה״ וועל איך זאָגן:

״אשת אדם שיצא בשם טוב מן העולם״

״חבל על דאבדין ולא משתכחין״.

יהי זכרו ברוך.

דער גרויסער ריינער פּלאַץ איז יענעם נאָכמיטיק געלעגן ווי אַ ריזיקע גלעזערנע שיסל, ווי אַ ניי נאָך נישט אָנגעהויבן יאָר. שלמה איז געשטאַנען ביי זיין ראַנד אין גאַנצן אַ גרויער און פאַרלאָשענער, אַ דערדריקטער פון דער בלויקייט און האָט נישט געוואַגט צו ברעכן מיט אַ ווערלכן באַשלוס אָט די שלימותדיקע קויל פונעם נישט אָפּגענוצטן טאָג.

בלויז איין מאָל אין יאָר, אינעם טאָג ווען ער איז אַרויס פון תפיסה, האָט שלמה זיך געפילט אַזוי ריין, נישט באַשוועדט און ניי. דער טאָג האָט אים דעמאָלט אַריינגענומען אין זיך אַן אָפּגעוואַשענעם פון אַלע חטאים, אַ באַנייטן, ווי איינעם וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דער וועלט, ער האָט געעפנט פאַר אים מיט אַ זיפּץ די ריינע ראַנדן פון זיינע האָריזאָנטן, באַהויכטע מיט אַ שטילער פּראַכט.

ער האָט זיך נישט געאיילט. ער איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון טאָג און נישט געוואַגט אים אַריבערשפּריזן, אויסשטרייכן מיט זיין דריבנעם, יונגן, לייכט אונטעהינקענדיקן טראָט די איידל צויפגעקלעפּטע שאָל פונעם נאָכמיטיק.

אַ דורכזיכטיקער שאָטן איז געלעגן איבער דער שטאָט. דאָס שווייגן פון אָט דער דריטער נאָכמיטיק־שעה האָט אַרויסבאַקומען פון די הייזער די ריינע קרייד־ווייסקייט און זי פונאַנדערגעלייגט אָן קלאַנג, ווי אַ טעשל קאָרטן, אַרום דעם פּלאַץ. פאַרטיילנדיק עס איין מאָל, גלייך אָנגעהויבן אויף ס׳ניי, שעפּנדיק מער און מער ווייסקייט פונעם קלויסטערס באַראָק־פאַסאַד, וואָס האָט ווי אַ ריזיק העמד פון גאָט וואָס פאַלט פון הימל און וויקלט זיך אין פאַרשיידנאַרטיקע פאַלדן, צעשפּאַרט פונעם פאַטאָס פון אומאויפהערלעכן פאַלן און שטייגן, אויסגעגלייכט אויף זיך אין געאייל דאָס גרויסע צעשטורעמטע מלבוש.

שלמה האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים, שפּירנדיק די לופט. דאָס קילע ווינטל האָט געבראַכט ריחות פון בלומען, פון די יום־טובדיקע הייזער און פון צימערינג. דעמאָלט האָט ער אַ נאָס געטאָן מיט זיין באַרימטן, מעכטיקן ניסן, פון וואָס די טויבן אויפן פּאָליציי־וואַכהויז האָבן זיך איבערגעשראָקענע אַ ריס געטאָן און אָפּגעפלויגן. שלמה האָט אַ לאַך געטאָן צו זיך אַליין. גאָט האָט געלאָזט וויסן דורכן אויפטרייסל פון זיינע נאָז־פליגל, אַז דער פרילינג איז געקומען. דאָס איז געווען אַ בעסערער צייכן ווי דער צוריקקער פון די בושלען, און פון דעמאָלט אָן האָבן די טעג געזאָלט זיין דורכגעפלאָכטן מיט אָט די דעטאָנאַציעס, וועלכע, פאַרלוירענע אינעם שטאָטישן גערויש, האָבן אַ מאָל נעענטער, אַ מאָל ווייטער פאַרטויבט די געשעענישן מיט זייער וויציקן קאָמענטאַר.

— שלמה! — האָב איך אויסגערופן, שטייענדיק אין פענצטער פון אונדזער נידעריקן גאָרן.

שלמה האָט מיך באַמערקט, האָט אַ שמייכל געטאָן מיט זיין ליבלעכן שמייכל און סאַלוטירט.

— מיר זענען איצט אַליין אינעם גאַנצן מאַרק־פּלאַץ, איך און דו — האָב איך געזאָגט שטיל, ווייל דער אויפגעפּישטער הימל האָט געעכצט ווי אַ פאַס.

— איך און דו — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַן אומעטיקן שמייכל — ווי פּוסט איז היינט די וועלט.

מיר האָבן זי געקאָנט פאַרטיילן און אַ נאָמען געבן אויף ס׳ניי — אַזוי אָפן ליגט זי, שוצלאָז און קיינעמס נישט. אין אַזאַ טאָג דערגייט משיח אַזש ביזן ברעג פון האָריזאָנט און קוקט פון דאָרט אויף דער ערד. און ווען ער זעט זי אַזוי אַ ווייסע, אַ שטילע, מיט איר בלויקייט און פאַרטראַכטקייט, קאָן טרעפן, אַז ער זאָל פאַרלירן פון די אויגן די גרענעץ, די בלויליכע וואָלקן־פּאַסמעס וועלן זיך צעעפענען, און אַליין נישט וויסנדיק וועט ער אַראָפּ אויף דער ערד. און די ערד וועט אַפילו נישט באַמערקן אין איר פאַרטראַכטקייט דעם, וואָס איז אַראָפּ אויף אירע וועגן, און די מענטשן וועלן זיך אויפוועקן פונעם

נאָכמיטיק־דרעמל און וועלן גאָרנישט נישט געדענקען. די גאַנצע געשיכטע וועט זיין ווי אויסגעמעקט און ס׳וועט זיין ווי אין די אורצייטן, איידער די היסטאָריע האָט זיך אָנגעהויבן.

— איז אַדעלע אין הויז? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל.

— קיינער איז נישטאָ, קום אַריין צו מיר אויף אַ רגע, כ׳וועל דיר ווייזן מיינע צייכענונגען.

— אויב קיינער איז נישטאָ, וועל איך מיר נישט אָפּזאָגן דאָס פאַרגעניגן. מאַך אויף. און אַרומקוקנדיק זיך אין טויער אויף ביידע זייטן, איז ער, מיט דער באַוועגונג פון אַ גנב, אַריין אינעווייניק.

* * *

— דאָס זענען אויסערגעוויינלעכע צייכענונגען — האָט ער געזאָגט, דערוויטערנדיק זיי פון זיך ווי אַ מבין. זיין פנים האָט אויפגעלויכטן מיט רעפלעקסיעס פון פאַרבן און ליכט. צייטנווייז האָט ער פאַרוויקלט די אַנטפלאַך אַרום אויג און געקוקט דורך אָט דעם אימפּראָוויזירטן שפּאַקטיוו, פאַרציענדיק די פנים־שטריכן אין אַ גרימאַסע פון ערנסט און וויסן.

מען וואָלט געקאָנט זאָגן — האָט ער דערקלערט — אַז די וועלט איז אַדורך דורך דיינע הענט, כדי זיך באַנייען, כדי זיך איינקורטשען און אָפּשיילן ווי אַ ווונדער־יאַשטשערקע. אָ, צי מיינסטו אַז איך וואָלט געגנבעט און באַגאַנגען טויזנט משוגעתן ווען די וועלט וואָלט זיך נישט אַזוי אָפּגעניצט און דעגראַדירט, ווען זאַכן וואָלטן נישט פאַרלוירן אין איר זייער גלאַנץ — דעם ווייטן אָפּגלאַנץ פון גאָטס הענט? וואָס קאָן מען טאָן אין אַזאַ וועלט? ווי קאָן מען ניט צווייפלען, ווי קאָן מען נישט פאַרלירן דעם מוט, ווען אַלץ איז פאַרשלאָסן און טויב, פאַרמויערט אָן זין, און אומעטום קלאַפּסטו בלויז אין ציגל ווי אין אַ תפיסה־וואַנט? אָ, יוזעף, האָסט געדאַרפט פריער געבוירן ווערן.

מיר זענען געשטאַנען אין דעם האַלב־פינצטערן, טיפן צימער, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין דער פערספּעקטיוו צום אָפענעם פענצטער אין דער זייט פון מאַרק־פּלאַץ. פון דאָרט זענען דערגאַנגען אַזש צו אונדז לופט־כוואַליעס אין לייכטע פּולסירונגען, אויסשפּרייטנדיק די שטילקייט. יעדער צופלוס האָט געבראַכט אירס אַ נייע לאַדונג, פאַרווירצט מיט ווייטקייט־פאַרבן, גלייך די פריערדיקע וואָלט שוין געווען אָפּגענוצט און אויסגעשעפּט. דאָס פינצטערע צימער האָט געלעבט בלויז מיט די רעפלעקסיעס פון די ווייטע הייזער אויף יענער זייט פענצטער, האָט אָפּגעשפּיגלט זייערע קאָלירן אין זיין טיפקייט, ווי אַ קרומער שפּיגל. דורכן פענצטער האָבן זיך געזען, ווי אין דער רעד פון אַ שפּאַקטיוו, די טויבן אויפן פאַליציי־וואַכהויז, וואָס האָבן שפּאַצירט אָנגעפּושטע לענגויס דעם בוידעם. צייטנווייז האָבן זיך אַלע צוזאַמען אַ ריס געטאָן און אַרומגעפלויגן אין אַ האַלבקרייז דעם מאַרק־פּלאַץ. דעמאָלט איז דאָס צימער אויף אַ רגע געוואָרן ליכטיקער פון זייערע אָפענע פליגל, עס האָט זיך אויסגעברייטערט מיטן אָפּגלאַנץ פון זייער ווייטן געפלאַטער, און שפּעטער איז עס פאַרלאָשן געוואָרן, ווען זיי האָבן אַראָפּזעצנדיק זיך פאַרמאַכט די פליגל.

— דיר, שלמה, — האָב איך געזאָגט — קאָן איך פאַרטרויען דעם סוד פון אָט די צייכענונגען. שוין לכתחילה האָב איך געצווייפלט צי איך בין ווירקלעך זייער מחבר. צייטנווייז זעען זיי מיר אויס ווי אַ נישט ווילנדיקער פּלאַגיאַט, ווי עפּעס וואָס איז מיר געוואָרן אונטערגעזאָגט, אונטערגעשטופּט... ווי עפּעס פרעמדס וואָלט זיך באַניצט מיט מיין באַגייסטערונג לטובת אומבאַוווסטע פאַר מיר מילן. ווייל איך מוז זיך פאַר דיר מודה זיין — האָב איך צוגעגעבן אין דער שטיל, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן — איך האָב געפונען דאָס אויטענטישע...

— דאָס אויטענטישע? — האָט ער געפרעגט און זיין פנים האָט פלוצעם אויפגעלויכטן.

— יאָ, גיב אַליין אַ קוק — האָב איך געזאָגט, אָנבייגנדיק זיך איבערן שופלאָד פון דער קאָמאָדע.

איך האָב צוערשט אַרויסגענומען אַדעלעס זיידן קלייד, אַ שאַכטל מיט בענדלעך, אירע נייע לאַטשן אויף הויכע קלעצלעך. אַ ריח פון פודער אָדער פערפום איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער לופט. כ׳האָב נאָך אונטערגעהויבן עטלעכע ביכלעך: אויפן דעק איז געלעגן אַ לאַנג נישט באַמערקטער גלאַנציקער בויגן.

— שלמה — האָב איך געזאָגט אַ גערירטער — זע, דאָ ליגט...

אָבער ער איז געשטאַנען אַ פאַרטועטער אין זיינע געדאַנקען מיט אַדעלעס לעטשל אין האַנט און זיך איינגעקוקט אין דעם מיט טיפן ערנסט.

— דאָס האָט גאָט נישט געזאָגט — האָט ער דערקלערט — און דאָך איז עס פאַר מיר ביז גאָר איבערצייגעוודיק, עס דריקט מיך צו דער וואַנט, נעמט אַוועק דעם לעצטן אַרגומענט. די ליניעס זענען נישט צום באַשטרייטן, אויסערגעוויינלעך טרעפלעך, ענדגילטיקע, און זיי גרייכן ווי אַ בליץ אין סאַמע האַרץ פון דער זאַך. מיט וואָס וועסטו זיך פאַרשטעלן, מיט וואָס קעגנשטעלן, ווען דו אַליין ביסט שוין איבערגעקויפט, איבערגעשטימט און פאַראַטן דורך די געטרייעסטע פאַרבינדעטע? זעקס טעג פונעם באַשאַף זענען געווען געטלעכע און ליכטיקע. אָבער אויפן זיבעטן טאָג האָט ער דערפילט עפעס פרעמדס אונטער דער האַנט און, אַ דערשיטערטער האָט ער אוועקגענומען די האַנט פונעם ליכט, הגם זיין שאַפערישער ברען איז נאָך געווען אויסגערעכנט אויף אַ סך טעג און נעכט. אָ, יוזעף, היט זיך פאַרן זיבעטן טאָג...

און אויפהייבנדיק מיט אַ שוידער אַדעלעס שמאָל לעטשל האָט ער, ווי אַ באַצויבערטער מיטן איראָנישן אויסדרוק פון דעם פוסטן לאַקיר־גילז, געזאָגט: — צי פאַרשטייסטו דעם שרעקלעכן ציניזם פון דעם דאָזיקן סימבאָל אויף אַ פרויס פוס, די פראָוואָקאַציע פון איר פארשייטן טרעטן אויף די מאָדנע קלעצלעך? ווי קאָן איך דיך לאָזן אין דער מאַכט פון אָט דעם סימבאָל! גאָט באהיט, איך זאָל דאָס טאָן...

מיט די ווערטער האָט ער געשיקט פאַרשטעקט אַדעלעס לאַטשן, קלייד און די קרעלן אונטער דער פאַכווע.

— וואָס טוסטו, שלמה? — האָב איך געזאָגט אַ פאַרשטאַרטער.

אָבער ער האָט זיך גיך דערווייטערט צו דער טיר, לייכט אונטערהינקענדיק אין זיינע אַ ביסל צו קורצע קראַטענע הויזן. אין דער טיר האָט ער נאָך אַ מאָל אומגעקערט זיין גרוי, נישט אויסדריקלעך פנים און אויפגעהויבן אַ האַנט צום מויל מיט אַ באַרואיקנדיקן זשעסט. באַלד איז ער געווען אויף יענער זייט טיר.

---

*) פראַגמענט פון: ״סאַנאַטאָריע אונטער דער קלעפסידרע״.

פון פויליש — מ.ש.

## ליטעראַטור־פרעמיעס

אונדזערע חשובע מיטאַרבעטער, דער דיכטער חנן קיעל און די פאָעטעסע הינדע זאַרעצקי, האָבן באַקומען די היי־יאָריקע ליטעראַרישע פרעמיעס פונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס.

משה שקליאַר

# אַ וואָרט וועגן בּרונאָ שולץ

דעם 19טן נאָוועמבער 1942, אינעם טאָג וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן ווי דער „שוואַרצער דאָנערשטיק" (געווען אַ סך אַזעלכע „שוואַרצע טעג" אין די געטאָס פון מזרח־אייראָפּע) איז אין אַ געסל פון דראָהאָביטשער געטאָ דערשאָסן געוואָרן בּרונאָ שולץ. ער איז געבליבן ליגן אויפן נאַקעטן בּרוק מיט אַ לעבּל בּרויט אין האַנט. ער האָט עס קוים געהאַט באַקומען, דאָס שטיקל בּרויט, גרייטנדיק זיך אַרויסצוגיין אין געהיים פון געטאָ, כדי אַריבּערפאָרן קיין וואַרשע, וווּ פריינד האָבן געהאַט פאַר אים צוגעגרייט אַ באַהעלטעניש.

ווער איז ער געווען, בּרונאָ שולץ, דער מאָלער און שרייבער וואָס איז געהאַט באַצייכנט געוואָרן ווי דער פּוילישער קאַפקאַ, ווער איז ער געווען אָט דער גאון, וועלכער איז קוים באַקאַנט געווען אין דער וועלט ווען ער האָט אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט זיין לעבּן, אומקומענדיק פון אַן עסעסמאַנישער קויל?

ער איז געבּוירן געוואָרן אין 1882סטן יאָר אין דער פּויליש־גאַליציִשער שטאָט דראָהאָביטש, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער עסטרייך־אונגערישער מאָנאַרכיע. דאָס איז געווען סך־הכל מיט ניין יאָר שפּעטער ווי עס איז געבּוירן געוואָרן זיין פּאָרגייער, פראַנץ קאַפקאַ, וועלכער איז אויף דער וועלט געקומען גאָרנישט אַזוי ווייט, אין טשעכישן פּראָג. בּרונאָ שולץ איז געווען דער יינגסטער זון פונעם סוחר יאַקוב (יעקב) שולץ, וועלכער האָט געהאַט אַ שניט־קראָם. מיט דער צייט האָבן די מסחרים אָנגעהויבן גיין „מיט דער פּוטער אַראָפּ" און די קראָם איז פאַרקויפט געוואָרן, ווייל דער פאָטער האָט אָנגעהויבן קרענקען. ער איז געשטאָרבּן נישט לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען בּרונאָ איז נאָך פאַקטיש געווען אַ יינגל. די קראַנקהייט און דער טויט פונעם פאָטער וועלן שפּעטער שפּילן אַן אומגעהייערע ראָל אין דער שאַפונג פון בּרונאָ שולץ, דער פאָטער וועט דערשיינען אין די פאַרשיידנסטע פאָרמען און פאַרקערפּערונגען. די מוטער האָט מיט באַזונדערער האַרציקייט זיך באַצויגן צו איר יינגסטן, קרענקלעכן זון. דאָס האָט זי איינגעפלאַנצט אין אים ליבשאַפט צו ליטעראַטור און קונסט. זי איז אויך געווען די איינציקע שפּייזערין פון דער משפּחה נאָך איר מאַנס טויט. די מאַטעריעלע לאַגע פון דער שולץ־משפּחה איז נישט לייכטער געוואָרן אַפילו דעמאָלט, ווען די עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ נאַפט־אונטערנעמער (דראָהאָביטש האָט געהערט צום באַוווּסטן באָריסלאַווער נאַפט־ראַיאָן און אַ סך יידן האָבן זיך דאָרט פאַרנומען מיט נאַפט־פּראָדוקציע און האַנדל). נישט לאַנג האָט געדויערט דער שוועסטערס גליק. איר מאַן איז אין גיכן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, איבּערלאָזנדיק די אַלמנה מיט צוויי קרענקלעכע קינדער. די מאַמע האָט דעמאָלט אַריינגענומען די טאָכטער מיט די איייניקלעך צו זיך אין הויז, טיילנדיק מיט זיי דעם לעצטן ביסן.

אין יאָר 1911 האָט בּרונאָ שולץ אָפּגעגעבּן מאַטורע־עקזאַמענס און איז אַוועקגעפאָרן קיין ווין שטודירן אין דער דאָרטיקער קונסט־שול. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע און עצות פון זיין עלטערן בּרודער, האָט בּרונאָ, נאָך אַ יאָר שטודירן, פאַרלאָזט ווין און זיך צוריקגעקערט קיין דראָהאָביטש. ער האָט נאָך שפּעטער געפּרוּווט שטודירן אַרכיטעקטור אין לעמבּערגער פּאָליטעכניקום, אָבער אויך דאָס מאָל האָט ער געמוזט, נאָך צוויי יאָר, איבּעררייסן די שטודיען צוליבּן שוואַכן געזונט־צושטאַנד און

דעם מאַנגל אין פינאַנסיעלע מיטלען. סוף כל סוף האָט ער געמוזט נעמען זוכן אַ שטענדיקע פרנסה.

אין אָט די באַדינגונגען, אַרומגערינגלט מיט דער קראַנקהאַפטער משפחה, האָט ברונאָ שולץ אַלץ מער זיך פאַרשלאָסן אין זיך, אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע. די העלדן פון זיינע פאָעטישע זעונגען האָט ער נישט געדאַרפט ווייט זוכן. דאָס זענען געווען די מענטשן פון זיין נאָענטסטער סביבה, קודם כל דער פאָטער וועמענס אָנדענק איז נאָך ביי אים פאַרבונדן געווען מיט זיין קינדהייט. אָן זאָרגן. זעען מיר טאַקע שפּעטער דעם פאָטערס געשטאַלט אין אַ סך פון זיינע צייכענונגען וואָס האָבן געצויגן אויף זיך דעם אויפמערק פון באַוווּסטע קונסט־קענער אין יענער צייט. אין זיינע פּראָזע־ווערק ווערט דער פאָטער דער טרעגער פונעם מחברס קינסטלערישע און פילאָסאָפישע אידעען. אויך אַנדערע געשטאַלטן פון ברונאָ שולצס נאָענטער סביבה, ווי דער אומגליקלעכער האַלב־אידיאָט דאָדאָ, די מומע רעגינע און די הויז־דינסט רחל, וואָס טרעט אַרויס אונטערן נאָמען אַדעלאַ און דאָמינירט דעם יינגלס עראָטישע פאַנטאַזיעס, פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין זיינע הויפּט־ווערק: "די צימערינג־געוועלבער" און "די סאַנאַטאָריע אונטער דער קלעפּסידרע".

אין סעפּטעמבער 1924, אין דעם זעלבן יאָר ווען פראַנץ קאַפקאַ איז געשטאָרבן אין ווין, האָט ברונאָ שולץ אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ לערער פון צייכענונגען און האַנט־אַרבעט אין אַ דראָהאָביטשער גימנאַזיע. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַזש ביזן 1941סטן יאָר, ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט. זיין לערער־פּאָסטן אין דער גימנאַזיע האָט ער געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווייל דאָס איז געווען זיין איינציקער קוואַל פון פרנסה, אויב נישט רעכענען די שפּעטערדיקע קליינע הכנסה פון האָנאָראַר פאַר פאַרעפנטלעכטע דאָ און דאָרט דערציילונגען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען אין דער פוילישער ליטעראַרישער פּרעסע. ער האָט געהאַט וויייניק צייט פאַר זיין מאָלערישער און ליטעראַרישער שאַפונג אויף וואָס ער האָט זיך זייער אָפט געקלאָגט אין בריוו צו זיינע פריינד. ערשט אין יאָר 1934, אין עלטער פון 42 יאָר, האָט ברונאָ שולץ דעביוטירט ווי אַ שרייבער. ביים אַרויסגעבן זיין ערשט בוך, "די צימערינג־געוועלבער", וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין די פוילישע ליטעראַרישע קרייזן און אין וועלכן טייל האָבן געפונען ענלעכקייטן צו פראַנץ קאַפקאַס פּראָזע, האָבן אים געהאָלפן די יידיש־פוילישע שרייבערין דעבאָראַ פאָגעל, די סקולפּטאָרין מאַגדאַלענאַ גראָס (ביידע אומגעקומען אין די געטאָס פון פוילן) און די גרויסע פוילישע שרייבעריין זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ מיט אירע ווערטער פון דערמוטיקונג. איינער פון די אָנגעזעענסטע פוילישע אַוואַנגאַרד־שרייבער, סטאַניסלאַוו איגנאַצי וויטקעוויטש, האָט דעמאָלט באַצייכנט ברונאָ שולצן ווי אַ געניאַלן שרייבער. אָבער אַנדערש האָבן געטראַכט די פוילישע אַנטיסעמיטן וואָס זענען אים באַפאַלן ווי הינט פון אַלע זייטן. דאָס האָט שווער געווירקט אויפן פילבאַרן קינסטלער און ער האָט אַלץ זעלטענער פאַרעפנטלעכט זיינע שאַפונגען, אָפּגעבנדיק זיך מער מיט זיין עפּיסטאָלאַרער קונסט.

ברונאָ שולץ האָט פאַר זיין לעבן אָנגעשריבן טויזנטער בריוו, וואָס זענען פאַר זיך געוואָרן אַ קוואַל פון דערקענטעניש, פילאָסאָפישן געדאַנק און קינסטלערישן אויסדרוק. ליידער זענען פון די טויזנטער בריוו געבליבן עפּעס מער ווי הונדערט און עס האָט געווען דעם באַוווּסטן פוילישן דיכטער און יידן־פריינד יעזשי פיצאָווסקי קנאַפּע צוואַנציק יאָר זיי צונויפצוזאַמלען. אין 1938סטן יאָר איז ברונאָ שולץ באַערט געוואָרן מיט אַן אויסצייכענונג פון דער פוילישער ליטעראַטור־אַקאַדעמיע, אָבער דאָס האָט וויייניק וואָס געווירקט אויף זיין מאָראַלישן צושטאַנד.

וועגן יענער שטימונג זיינער שרייבט ער אין אַ בריוו צו אַ פריינד דאַטירט אין דעם זעלבן יאָר 1938: ״אין צווישנצייט זענען פאָרגעקומען זייער דערדריקנדיקע היסטאָרישע געשעענישן. דער קורס (אין לאַנד) ווערט אַלץ ערגער, דאָס ווירקט אויף מיר זייער שלעכט. אין געוויסע מאָמענטן בין איך געווען נאָענט צו פאַרצווייפלונג, ווי ערב אַ דירעקטער קאַטאַסטראָפע. דער פרילינג איז אַזאַ שיינער — מען וואָלט געדאַרפט לעבן און איינשלינגען די וועלט... איין מאָל האָב איך זיך אויפגעריסן פון שלאָף מיט אַ פלוצעמדיקער טיפער פאַרצווייפלונג, ס׳האָט מיר געדאַכט, אַז דאָס לעבן אַנטלויפט און איך קאָן גאָרנישט נישט פאַרהאַלטן דערפון. אויב אַזאַ פאַרצווייפלונג זאָל לאַנג אָנהאַלטן, קאָן מען משוגע ווערן. און אפשר וועט אָט די פאַרצווייפלונג ווען נישט איז איבערגיין און אַלץ וועט זיך נאָרמאַליזירן, אָבער דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט צו לעבן״...

אָט די נביאישע פאָרויסזעונג זיינע, דאָס פאָרויספילן דעם אָנקומענדיקן קאַטאַקליזם, וואָס קומט אויך צום אויסדרוק אין זיינע קינסטלערישע ווערק, איז אין גיכן געוואָרן ווירקלעכקייט. עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און דראָהאָביטש, ווו ברונאָ שולץ האָט אָפּגעלעבט אַלע זיינע יאָרן, מיט קליינע איבעררייסן, איז פאַרנומען געוואָרן אויף אַ קורצער צייט דורך די סאָוועטן. ער אַרבעט דעמאָלט ווייטער אין שול, מאַכט פאַרשיידענע צייכענונגען פאַר אַן אָרטיקער צייטונג און שרייבט צו ביסלעך. אָבער ער קאָן זיך נישט צופּאַסן צו דער נייער ווירקלעכקייט און צו די פאָדערונגען פון די ליטעראַרישע קאָמיסאַרן.

* * *

אין קעגנזאַץ צו קאַפקאַן, וועלכער האָט, ווי באַוווּסט, באַפוילן אין זיין צוואה צו פאַרברענען אַלע זיינע נישט פאַרעפנטלעכטע ווערק, האָט, שולץ אַליין פאַרעפנטלעכט טייל פון זיינע ווערק און אַפילו געוווּנען אָנערקענונג אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, אָבער ווייטער פון פוילן איז זיין נאָמען נישט דערגאַנגען. נאָך דער מלחמה איז זיין נאָמען אין פוילן פאַרשוויגן געוואָרן אַ לאַנגע צייט, ערשט דער יידיש־פוילישער ליטעראַטור־קריטיקער און למדן, אַרטור סאַנדאַוער, האָט אים אַרויסגעפירט אויף דער וועלט־אַרענע, שרייבנדיק וועגן שולצן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַרישער פרעסע. און אין לאַנד גופא איז שולץ ווידער אַנטדעקט געוואָרן אַדאַנק דעם דיכטער יעזשי פיצאָווסקי, וועלכער האָט, ווי דערמאָנט, קנאַפּע צוואַנציק יאָר אָפּגעגעבן אויף זאַמלען זיינע בריוו, וואָס האָבן אַ געוואַלטיקן ליטעראַריש־היסטאָרישן באַטייט. ערשט אין 1964־סטן יאָר איז אין אַ קראָקעווער פאַרלאַג דערשינען אַ פולע זאַמלונג פון ברונאָ שולצס פּראָזע און זיינע אָפּגעראַטעוועטע בריוו, מיט אַן אויספירלעכן אַריינפיר פון אַרטור סאַנדאַוער און אויפקלערונגען צו דער בריוו־זאַמלונג פון יעזשי פיצאָפסקי.

פראַנץ קאַפקאַ, וועמענס ראָמאַן ״דער פּראָצעס״ איז געהאַט איבערגעזעצט געוואָרן דורך ברונאָ שולצן אין פויליש און איז באַצייכנט געוואָרן דורך אים ווי ״דער געניאַלער דייטשיער שרייבער״, האָט זיך געפילט אויסגעוואָרצלט פון דער סביבה ווי בכלל פון דער געזעלשאַפט, און אָט די געפילן האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע ווערק, באַזונדערס אין ״פּראָצעס״ און אין ״שלאָס״. ברונאָ שולץ, דאַקעגן, איז געקומען פון אַ יידישער היים, ווו עס זענען אָפּגעהיט געוואָרן די יידישע טראַדיציעס. אָבער אויך ער האָט זיך געפילט פאַראיינזאַמט, וואָס ער ברענגט צוו. אַנד. צום אויסדרוק אין איינעם פון זיינע בריוו, ווו ער שרייבט: ״די דאָזיקע ״געשיכטעס״ (געמיינט די ״צימערינג־געוועלבער״) זענען אין אַ געוויסן זין אמתדיקע, זיי רעפּרעזענטירן מיין לעבנס־אופן, מיין באַזונדערן גורל. די דאָמינירונג אין אָט דעם גורל איז די טיפע איינזאַמקייט, די

אָפּגעריסנקייט פון די ענינים פון טאָגטעגלעכן לעבן. די איינזאַמקייט איז עס דער עלעמענט וואָס דערפירט די ווירקלעכקייט צום פערמענטירן״... האָט ער זיך געשאַפן, ברונאָ שולץ, אין זיין איינזאַמקייט, אַן אייגענע פערמענטירנדיקע ווירקלעכקייט; אַן אייגענע אויסגעטרוימטע, אויספּאַנטאַזירטע וועלט פון מאַנעקינען, פון מענטשן אין ווערן, ווו צייט איז נישט קיין צייט, און רוים איז נישט קיין רוים, ווו אַלץ איז רעלאַטיוו, ווו די העלדן זענען גלייכצייטיק לעבעדיק און טויט, ווו די געשיכטע האָט נישט קיין שליטה, ווייל דער איצט איז דער אַ מאָל און דער אַ מאָל איז דער איצט. אין זיין ווערק שפּילט די רעאַלקייט, דער סיוזשעט, אַ צווייטראַנגיקע ראָל; דער עיקר איז נישט דער אינהאַלט נייערט די פּאָעטישע שילדערונג, דער פילאָסאָפישער געדאַנק. אונטער אינהאַלט פאַרשטייט ער די וועלט וואָס דער שרייבער אַליין שאַפט אין זיין ווערק, און נישט די קאָנוואַנציאָנעלע רעאַליסטישע שילדערונג.

״אויב מיר ווילן — שרייבט שולץ אין אַ בריוו צו דער מאָלערין אַנאַ פּלאָצקער־צווייליך דאַטירט דעם 6 סטן יוני 1941, האַרט פאַרן היטלעריסטישן אָנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד — ...אויב מיר ווילן דורך רעאַליזם פאַרשטיין אַ געוויסע ערדישקייט, די געוויינלעכקייט פון דער באַשריבענער ווירקלעכקייט, זענען די באַטראַכטע מחברים (טאָמאַס מאַן און דאָסטאָיעווסקי), אַן אנשוילעכע פאַרלייקענונג פון אַזאַ דעפיניציע. פון דער צווייטער זייט איז נאָך די שלאַכט נישט געוואונען דורך צעברעכן די רעאַליסטישע קאָנווענצן. דאָס בלויזע ברעכן דעם רעאַליזם איז נישט קיין שום פאַרדינסט — אַלץ איז אָפּהענגיק דערפון, וואָס עס איז דערמיט דערגרייכט געוואָרן. דאָס באַוווסטזיניקע און צילמעסיקע פאַרגוואַלטיקן דעם רעאַליזם האָט געעפנט געוויסע נייע מעגלעכקייטן, אָבער מען דאַרף זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז דאָס באַזיצן אָט דעם טריק האָט אונדז באַפרייט פון דער פליכט צו געבן אַ רייכן אינהאַלט, צו געבן אַן אייגענע וועלט. קיין שום, זאָל זיין אַפילו דער געניאַלסטער מעטאָד, וועט נישט פאַרטרעטן דעם אָנשטרענג אַרויסצוברענגען דעם אייגענעם אינהאַלט״.

מיט אָט דעם פּראָבלעם האָט דער מחבר פון די ״צימערינג־געוועלבער״ און דער ״סאַנאַטאָריע אונטער דער קלעפּסידרע״ זיך געראַנגלט ביז צום סוף פון זיין שעפערישן לעבן. פאַרביידע גרעסערע ווערק זיינע איז שווער צו געפינען אַ באַצייכענונג. דאָס זענען נישט קיין ראָמאַנען און אַוודאי נישט קיין נאָוועלן און אַפילו נישט קיין דערציילונגען הגם עס זענען צייטנווייז פאַראַן אין זיי קורצע, פאַרגאַנצטע געשיכטעס. ווי עס זאָל נישט זיין זענען זיי דאָך פאַרבונדן, זיינע שאַפונגען, אין אַ באַשטימטער גאַנצקייט, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך ברונאָ שולצס פאַנטאַסטישע וועלט.

ברונאָ שולץ, וועלכער געפינט זיך כסדר אויף דער גרענעץ פון חלום און וואָר, פון פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט, פון העלזען און שוואַרצזען, פירט אומאויפהערלעך זיינע העלדן, און דער עיקר דעם פאָטער, אין וועלכן ער אַליין איז פאַרקערפּערט, ווי זיי וואָלטן געווען אַ צווייאייניקייט — קינד און דערוואַקסענער גלייכצייטיק — צום פראָוואָצירן די צייט. דערפאַר איז דער פאַרשטאָרבענער פאָטער ווידער לעבעדיק אין דער סאַנאַטאָריע פון האַלב־טויטע מענטשן, ער איז געשטאָרבן דאָרט אינעם גאַליצישן שטעטל, אָבער דאָ, אין דער סאַנאַטאָריע אין מיטן אַן עסטרייכישן וואַלד וואָס נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע, האָט ער ווידער געעפנט אַ שניט־קראָם און פירט זיינע מסחרים, און דער זון וואָס איז געקומען אים באַזוכן, העלפט אַרויס אינעם מסחר. מיט איין וואָרט — עס איז יענע וועלט אויף דער וועלט, און ביידע וועלטן זענען מאָדנע, מערקווירדיק, משונהדיק.

דער פריער דערמאָנטער יידיש־פּוילישער ליטעראַטור־קריטיקער אַרטור סאַנדאַוער, וועלכער האָט אַ סך געשריבן וועגן שולצן, קומט אַרויס אין זיין לעצטן עסיי, וואָס איז

פאַרעטנטלעכט געוואָרן שוין נאָך זיין טויט, מיט דער טעזע, אַז ברונאָ שולץ זעט די יידישע געזעלשאַפט אין וועלכער ער האָט פאַרקערט, אָדער בעסער געזאָגט דעם יידישן גלות, אין פּראָצעס פון דעגענעראַציע. "אַ סך פון זיינע (שולצס) דערציילונגען — שרייבט ער — זענען אַ טראַוועסטאַציע (איבערפורעמונג) פון ביבלישע און נישט בלויז ביבלישע מיטאָסן. ער צילט אין דער ריכטונג פון קאָמפּראָמיטירן זיי. פון באַשמירן זיי מיטן קליינשטעטלדיקן שמוץ". סאַנדאַוער ברענגט דערויף אַ ריי ביישפּילן, וואָס זעען אויס אַפילו צו זיין איבערצייגנדיק. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די ביבלישע מיטאָסן, די ביבלישע לעגענדעס, דינען אים, פונקט ווי למשל טאָמאַס מאַנען, מיט וועלכן ער איז, אגב, געשטאַנען אין בריוולעכער פאַרבינדונג, אָדער ליאָן פויכטוואַנגערן, ווי אַ פּרעטעקסט פאַר אַ פיל ברייטערער קאַנווע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל. און ווייל עס איז אַזוי, געפינען טאַקע היינט זיינע ווערק אַן אַלץ ברייטערן אָפּקלאַנג אין דער וועלט.

* * *

אחוץ דיכטער, מאָלער און טרוימער איז ברונאָ שולץ אויך געווען אַ מענטש פון בלוט און פלייש און האָט געהאַט זיינע שוואַכקייטן, שווערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען וואָס האָבן אים אויף לאַנג אָפּגעריסן פון זיין שעפערישער אַרבעט. אַזאַ איז צוו. אַנד. געווען זיין גרויסע ליבע צו אַ קריסטלעך מיידל, וועלכע ער באַצייכנט אין זיינע בריוו מיטן אות "יאָט" (דזשעי). "ליידער — שרייבט ער — בין איך איצט בלויז אַ פּריוואַטער מענטש, ליידנדיק מענטשלעך, איך האָב פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס און געפין נישט קיין זין אינעם לעבן. זי, מיין כלה, שטעלט מיט זיך פאָר מיין אָנטייל אין לעבן, אַ דאַנק איר פאַרמיטלונג בין איך אַ מענטש... זי האָט מיך מער ליב ווי איך איר, אָבער איך דאַרף זי מער צום לעבן"...

איז ער, ברונאָ שולץ, כדי חתונה האָבן מיטן קריסטלעכן מיידל, אַרויסגעטראָטן פון דער יידישער קהילה, און געזוכט הילף צום איינאָרדענען אַ ציווילע חתונה. דאָס איז אויך נישט געווען לייכט אין דעמאָלטיקן פּוילן. נאָר סיי ווי איז פון דעם גאָרנישט נישט געוואָרן. עס איז נישט באַוווסט צי ברואָ שולץ איז שפּעטער, דאָס איז געווען אין יאָר 1936, צוריק אַריינגעטראָטן אין דער יידישער קהילה פון דראָהאָביטש. איינס איז באַוווסט: די דייטשן האָבן נישט איבערגעקליבן. אַ מיטגליד פון דער קהילה, צי נישט, אַ ייד איז א ייד, און ווי אַלע יידן איז ברונאָ שולץ פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ. און דאָרט האָט ער געטיילט דעם גורל פון יידישן כלל. אַ קויל פון אַן עסעסמאַן האָט איבערגעריסן זיין גרויס און שעפעריש לעבן.

---


אַבאָנירט און שטיצט

## חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנאָמענט: $8,00 אַ יאָר.

**משה עטינגער**/ ניו־יאָרק

## די וויג פון מיין ניגון

מיט ליימענע דילן, מיט שינדלענע דעכער,
פרומע ווי אַ קידוש־בעכער,
זענען שטיבלעך געשטאַנען
אויף די לאַנען
אין יידישע שטעטלעך
פון די קאַרפּאַטן־בערג.

מיט האָלצענע דילן, מיט בלעכענע דעכער,
צעלייגטע ווי אַן אָפענער פעכער,
זענען הייזער געשטאַנען
געצוימטע אין צאַמען
אויף ליקלעך ענגע,
אויף שמאָלע גאַסן,
געווענדטע מיט בליקן
צום קיום בלאַסן
אין היימשטאָט מיינער —
צו פוסנס פון די קאַרפּאַטן־בערג.

אין יענע הייזלעך, אין יענע שטיבלעך,
פלעגט מען די וויגעלעך
מיט ניסלעך באַוואַרפן,
די ווענט מיט שירה המעלותן באַהענגען;
חדר־ייִנגלעך פלעגן אל מלך נאמן זינגען
אַ קריאת שמע לייענען דער שמחה צעקלינגען.

דער ווינט דאָס לייענען פלעגט כוואַליעדיק טראָגן,
דיביימער זיך וויגן און זמרדיק צוואָגן
די שיכורע נעכט, די ניכטערע טאָגן
פון יידיש קאַרפּאַטיש בערגיש לעבן.

אין יענע וויגעלעך האָב איך מילך געזויגן,
פון יענער אווירה מיין ניגון געצויגן.

## עס קומט צו מיר אַ חרובע יידישע וועלט

ווען צום דיכטער מאַטעס אָליצקי קומען ניט קיין לידער
גייט ער צו מאני לייבן, ראָלניק, רילקע,
און איך, צו שלמה איבן גבירול;
צום זשידעטשיוער שטיבל,
צום כהן ברוך־שמואל מיט די זיבן זין;
צום בעל־תפילה וואָס רופט — כהנים,

שירה גאָרשמאַן/ ירושלים

# די זריעה איז גראָד אויפגעגאַנגען

נאָך דער ערשטער מלחמה האָבן זיך די דײַטשן אָפּגעטראָגן פון ליטע, אָבער אין שטעטעלע קראָק און נאָך אין אַ סך שטעטעלעך און דערפער זענען געבליבן שטרויענע אלמנות און דווקא טראָגעדיקע. אין אַ זײַטיק געסל פונעם שטעטעלע קראָק האָט אין אַ צעוואַלגערטער חורבה געקירצט אירע טעג טערעסיאַ וויצעכאָווסקאַיאַ. זי האָט געמאָלקן בהמות שבת בײַ די ייִדישע באַלעבאָסטעס, געשטעלט סאַמאָוואַרן, גערעדט ייִדיש, ווי אַלע ווײַבער, אפילו געקאָנט זאָגן, ווי די קינדער "מודה אני", געוווּסט אַלע מנהגים.

ס'איז געקומען די צײַט און איטע די הענטשקעמאַכערן האָט געזאָגט צו לאה דער שנײַדערקע:

— איר האָט נישט געזען, טערעסיאַ איז שטײַף און קײַלעכדיק, ווי אָן אָנגעפּילט העלדזל.

ס'האָט זיך געפונען אַ בעלן, נישתומם צו ווערן! נאָר בעסער פון אַלעמען האָט געזאָגט ריווע, וועלכע מאַכט אינגבערלעך:

— דאָס, וואָס דאָרטן איז, וועט מוזן אַרויסגיין, געוויס האָט זיך געפונען אַ בעלן. דאָס איז אויפן קאָפּ נישט אַרויפצונעמען, וואָס פאַר אַ יעקע איז פאַרקראָכן אין אַזאַ

---

און זיי ענטפערן — עם קודשיך! —
צו אונטער טאַטעס טלית וואָס האָט געשירעמט מיינע אויגן

וואָס פלעגן דורך די שפּאַלטן זוכן
דאָס אויסדערוויילטע הייליק פאָלק,
וואָס כ'האָב דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט
אָבער מיין ליבשאַפט צו אים
האָט שוין אין מיר געברענט.

ווען צו מיר קומען ניט קיין לידער
קומען שאָטנס פון אַ חרובער וועלט,
אותיות פורחות פון מצבות
אין בית עולמס וואָס ברענען
און ווערן ניט פאַרברענט.

ווען צו מיר קומען ניט קיין לידער
גיי איך אין חסידים־שטיבל
צו די אוראייניקלעך פון איבן גבירול,
נעם זיין ספר "כתר מלכות"
און מיין קאָפּ קרוינט זיך
מיט מאַמע־לשונדיקן "איכה",
און מיין האַרץ יאָמערט
מיט וויסטע, קלאָגנדיקע לידער.

צו מיר קומען ניט קיין מונטערע לידער,
צו מיר קומט אַ גאַנצע חרובע יידישע וועלט!

קאַטוך. שיינע, וואָס איז געווען זייער אַ פּאַרנומענע יידענע, זי האָט געהאַט אַ מאַשין, וואָס האָט געצופּט וואָל, האָט געפּסקנט בקיצור:

— איטע קרוין, ס'איז ניטא וואָס צו רעדן, ריווע איז געגרעכט, ס'וועט דאָרטן נישט בלייבן.

אַזוי איז טאַקע געווען. איצט פלעגט שוין טערעסיאַ קומען אין די יידישע שטיבער מיט אַ ברודיקן קלומעק, פון וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַ קוויטשעריי. נישט איין באַלעבאָסטע האָט צו איר געזאָגט:

— לאָז אים נישט אין פּירהויז לעבן דעם לייטער, די קו וועט אַריין צום צעבער, וועט זי אויף אים שטעלן אַ פוס.

אוי, יעזוס מאַריע, הלואי וואָלט טאַקע די קו נישט האָבן קיין טעות!

ס'איז געגאַנגען די צייט, און פונעם ברודיקן קלומעק איז אַרויסגעקראָכן אַ יעקעלע מיט אויערן, ווי לאָפּוכעס, מיט בלייכבלויע אייגלעך און האָר, ווי ראַגאָזשקע. פון די יידישע שטיקלעך חלה, מיט די ברעקלעך צוקער, מיט די גלעזלעך מילך, איז צו אַכט יאָר געוואָרן אַ גאַנץ קרעפּטיקער תכשיט. שוין געווען אַ יאָר זיבן, ער וואָלט בעסער עלטער נישט געוואָרן! גראָד איז צו שיינע חנה־ריוועס אין פּירהויז אַריינגעגאַנגען די קוואָקע מיט הינדלעך. שיינע האָט נישט באַוויזן אַ כאַפּ צו טאָן דעם תכשיט, ווי אַ דריי הינדעלעך זענען שוין געווען צעטראָטן. די באַלעבאָסטעס זענען געווען אויסער זיך, — דאָס האָט דאָך שיינע אַלעמען דערציילט. די הענטשקעמאַכערן האָט געגעבן אַ גוטע עצה שיינען:

— דערשטיק אים, ס'איז דאָך נישט ערב פּסח, קיינער וועט נישט זאָגן, אַז ער טויג פאַר מצה.

— וואָס רעדסטו, איטע, באַהיט זאָל מען ווערן, אייַנגעזונקען וואָלט ער געוואָרן נאָך מיט אַכט יאָר צוריק, אַזאַ גזלן! דאָס איז דאָך אויפן קאָפּ נישט אַרויפצונעמען!

און צו טערעסיען האָט זי שפּעטער געזאָגט:

— מער זאָלסטו אים צו מיר נישט ברענגען, קאָנסט נעמען א שטיקל ברויט, צוקער, אַ פלעשל מילך, נאָר אים זאָל איך מער אין די אויגן נישט זען.

אַזוי איז טאַקע געווען. די מעשה מיט די הינדלעך האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרגעסן. די יעקישע זריעה איז רייף געוואָרן אין איין און פּערציקסטן יאָר. דאָס איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער גזלן. זיינע אויגן זענען, ווי פּריער, געווען בלויוואַסערדיק, די האָר זענען געווען קאַלירלאָז, נאָר הענט און פיס, מע זאָל שוין באַשירעמט זיין צו באַגעגענען אַזוינס... די אָרטיקע ליטווישע פאַשיסטן שטאַקאַס, קאַראַנאַיסקאַס, יורגיס האָבן אים קיין אַוטאָמאַט נישט געגעבן. מיט אַ ווילע אין די הענט פלעג ער אַריינלויפן אין יידישע שטיבער, אַרויפשטעכן אַ קינד און נאָך איינס און ווילדעווען איבער דער גאַס. מע האָט שוין כמעט אַוועקגעטריבן אַלע פרויען, געציילטע זענען נאָך געבליבן, אַלטע פרויען, יונגע מיידלעך. האָט זיך דער גזלן דערמאָנט, אַז פריידקע איז נאָך נישט אַוועקגעטריבן געוואָרן. פריידקע איז נאָך מיט איר באָבען געווען לעבעדיק. און אָט האָט זיך דער דאָזיקער מחבל באַוויזן אויפן בריקל מיט די ווילעס אין האַנט.

— האַ, — האָט פריידקע אַרויסגעבראַכט אַ קלאַנג, — כ'האָב טאַקע אויף דיר געוואַרט, לאָז די ווילעס לעבן דער טיר און קום אַריין. ס'איז דאָ סמעטענע, הערינג און אַפילו אַ ביסל בראָנפן.

זיין נאָמען האָט זי נישט אָנגערופן, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז מע רופט אים קאַרל. ער האָט געלאָזט די ווילע לעבן דער טיר און איז אַריינגעגאַנגען.

פריידקעס באָבע העניע איז געשטאַנען אינמיטן שטוב און האָט געטראַכט, אַז זי דאַרף גיין נאָכן פלייש קן האַקמעסער, נאָר זי האָט דערהערט, ווי פריידקע האָט געזאָגט:

## מ. וואַלדמאַן/ פּאַריז

# צו אַ חבר אַ פּאָעט

פריד וויינינגער — לזכרון

נישט קיינער קיין מאָל האָט באַגעגנט מיך ווי דו —
מיט פּשטות און פאַרוואונדער האָסטו מיך געפרעגט:
פאַרוואָס דער כבוד? מיט וואָס די זכיה מיר?

בין איך מיט באַוואונדער געשטאַנען קעגן דיר
אַ דערפרייטער און פון ליבשאַפט אויפגערעגט,
מיט ווערטער אויף די ליפּן — נישט דערפרעגט.

דערוואַרעמט פון דיין בליק, וואָס האָט אויף מיר געשיינט,
דו האָסט די שטוב פאַרניגונט מיט ווערטער און מיט ניגון —
און די קאַלטע ווענט מיט דיין אָטעם אָנגעהייצט.

* * *

פון יענער העלער שעה, מערער אַלץ און מער,
איך האָב דיך און דיין ליד — זוניקער דערקענט,
ווי דעם פינגער־שטראַל דערקענט אויף דיינע הענט.

פאַרלייענט אין דיינע לידער פון "פּרוט" ביז צו "עין"
האָסט צעשפּילט פאַר מיר דיין שירה ווי אויף פידלען,
ווען דער בוים אין וואַלד האָט פאַרביק אויפגעבליצט.

---

— באָבע, גיב דעם גאַסט הערינג מיט חלה, איך וועל זיך גיין איבערטאָן אין אַ שענערער קלייד...

— מע דאַרף נישט קיין הערינג מיט קיין חלה און קיין סמעטענע, דאָס שפּעטער, און דו, לייג זיך, איך בין נישט געקומען דאָ עסן סמעטענע! — האָט אויסגעשריגן קאַרל.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז איך האָב אויף דיר געוואַרט. איין מינוט, איך טו נאָר איבער אַ שיין קליידל. אַזאַ גאַסט! — האָט פריידקע געזאָגט און אַ פינטל געטאָן צו דער באָבען.

אין אַ ווינקעלע אַרום האָט זי זיך אומגעקערט, טאַקע אין אַ ריין, ברייט קליידל. ביידע הענט האָט זי געהאַלטן אין די קעשענעס און שטיל געזאָגט:

— נו, וואָס שטייסטו?

ווען ער איז שוין געלעגן אויף איר, איז פריידקעס באָבע געווען כמעט ווי געליימט. דאָס פלייש
יקע האַקמעסער, וואָס איז געלעגן אָט דאָ, אין אַלמערל, האָט זי נישט געקאָנט נעמען, נאָר זי האָט דערהערט אַ מוראדיקן בריל, אַזאַ מין קלאַנג האָט נאָך פריידקעס באָבע קיינמאָל אין לעבן נישט געהערט, און אין דער רגע האָט זיך גענומען שפּרייטן פון אונטער פריידקען און דעם גזלן אַ גרויסע טונקעלע פעטע לוזשע.

פריידקעס באָבע האָט אין האַרצן געטיינעט נאָר צוויי ווערטער בעת פריידקע איז אויפגעשטאַנען:

— געלויבט זאָסטו זיין, השם יתברך, וואָס דו האָסט איר געגעבן כוח...

נאָכקלאַנג

אויסגעלאָשן איז דער בליץ אויף בוים,
קאַלט און קעלטער זיינע פאַרבן;
איינגעשטומטע ווערן וועלדער
ווען די דיכטער שטאַרבן.

21־סטער אַפּריל, 1990

## ביים אַלטן טויער פון קראַשינסקיס גאָרטן

דעם אָנדענק פון אהרן קריינער — דעם
יידיש־דיכטער פון ערב־חורבן, און פון נאָכן
חורבן — דעם פויליש־דיכטער אַרנאָלד סלוצקי,
וועלכער האָט, מיט יידישן צער, פאַרלאָזט דאָס
פוילן־לאַנד. זיין געביין רוט אין פרעמדן
דייטשלאַנד, ווו די ערד בריט.
טייערער אהרן —
מיט צער מיין דערמאָנונג וועגן דיר.

ביסטו געקומען דאָ שטויבן צו זוכן
און געפונען דו האָסט אַן אַלטן טויער,
אַן איינציקן היימישן חפץ דערקענט,
וואָס עס האָט נישט דאָס פייער דערבּערנט.

בליט אויף אין ראָזן דער טרויער,
צווישן פאַרזשאַווערטע ברוכן.

קרייזסטו אַרום יענעם היימישן טויער,
ווי צו הקפות געקרייזט האָסט אַ מאָל.
נאָר ווינד־און־וויי צו דיין קומען אַהער,
ווו דער צער האָט פאַרטריקנט דיין טרער.

און די פיין פאַרשטומט האָט דיין קעל —
בליט אויף דער וואַנט איצט דיין טרויער.

וואַרשע, 1963

## די גרוי־געפלעקטע לאַלקע

פונעם ציקל: „אימפּראָוויזאַציעס ביי די בילדער
פון מרדכי ארדון — אַ מתנה דעם קינסטלער.

ווענענס גרוי־געפלעקטע לאַלקע האָסט אַהער געבּרענגט —
ווענענס בריענדיקע בענקשאַפט דאַרף דעם חלום שטילן?
זאָל דיך דאַכטן איך בין אויך אַ קינד, לאָז מיך רעגעס נאָר
מיט דיין גרוי־געפלעקטער לאַלקע זיך פאַרשפּילן.

ביים פענצטער אַלטע פידלערס זייערע פידלען סטראָיען —
מיינע אויערן איינגעהערט זענען פאַר אַ נייעם ניגון.
ווי דו איך וויל אַ קינד היינט זיין, קינדעריש זיך שפילן.
ווען פידלערס וועלן פידלען, וועט די לאַלקע מיך פאַרוויגן.

שפעט־נאַכט, ווען הענער רויטע וועלן וועקן מיט זייער קרייען,
אויף די בערג אין מזרח דער טאָג וועט נעמען גרויען,
וועל איך די גרוי־געפלעקטע לאַלקע אין זילגער־טויען וואַשן —
און שפּעטער פאַר מיין אייניקל דאָס זילבער־ליד פאַרטרויען.

* * *

וועמענס בריענדיקע בענקשאַפט דאַרף דעם חלום שטילן?

פּאַריז, 21־סטער דעצ., 1984

## אַ גוטמאָרגן

פונעם ציקל "לידער פון שפּיטאָל" —
מיט וואַרעמע ווונטשן מיינע פריינד,
וועלכע האָבן מיטגעלעבט מיין ווייטיק,
אין שווערע טעג פון נסיון.

גוטמאָרגן אויפגעוואַכטער
פון אַ שווערער נאַכט,
שווייג נישט אַ פאַרטראַכטער —
הער אַ קינד דאָרט לאַכט.

אַ סימן אויפגעשיינטער,
פאַר דיר מיין אויפגעוואַכטער
ווערט דער טאָג געקרוינט,
נאָך מורא נישט געדאַכטער.

שווייג נישט אַ פאַרטראַכטער,
הער אַ קינד דאָרט לאַכט;
שיינט פרימאָרגן אויף צעשיינטער —
געלאָשן ווערט די נאַכט.

גוטמאָרגן אויפגעוואַכטער.

אָקטאָבער־1988

## אין שעה פון בענקען

רבקהן — מיט ליבשאַפט

פאַרבלייב מיט מיר, פאַרבלייב, אין שעה פון בענקען,
דו און איך — מיר שווייגן, און אין שווייגן מיר געדענקען

די פיין־טעג, וואָס זיי הענגען אויף האַלב־חרובדיקע שטאַנגען —
ווי דאָס בשורהדיקע האָפן אין חלומות אויפגעגאַנגען.

**חנן קיעל/** ניו־יאָרק

# שמשון אַפּטערס נאָוועלן

## פון ווייטן עבר ביז נאָכן חורבן

די אַכציקער יאָרן האָבן אַוועקגעריסן פון אונדז אַ גרעסערע צאָל שרייבער, צווישן זיי דעם באַגאַבטן נאָוועליסט, מיט־רעדאַקטאָר פון דער "צוקונפט" און קולטור־אַקטיוויסט, שמשון אַפּטער. אַ צאָל פון זיינע ווערק האָבן באַרייכערט אונדזער לייטעראַטור מיט גרויסע היסטאָרישע טעמעס און אימפּרעסיווע דערציילונגען פון אונדזער טראַגישער צייט.

מיר באַמיען זיך אויפצופרישן פאַרן לייענער לעבנס־פּראָפילן פון שאַפערישע פּערזענלעכקייטן און זייער ליטעראַרישן פאַרמעג. נישט דווקא יענע אייקאַליפּטישע גיגאַנטן, נאָר אויך די בערעזעס און קליאָנען פון אונדזער דיכטונג און פּראָזע זיינען אונדזער עשירות און דאַרפן געדייען אין ליטעראַרישן זכרון.

ווען איינער האָט אַפּטערן געפרעגט וועגן זיין פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור האָט ער אים געענטפערט: גרויס, מיטל, אָדער קליין, איך בין דאָס וואָס איך בין.

אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן בין איך מיט אים געווען נענטער באַקאַנט. ער האָט אָפט מיך פאַרבעטן צו רעדן אין ראַדיאָ, פאַרן קולטור־קאָנגרעס אויף ליטעראַרישע טעמעס. ער האָט געשמועסט מיט מיר וועגן אַלערליי קולטור־ענינים, זיינע דערפאַרונגען און פאַרדראָסן, ווייטיקדיקע אַנטוישונגען אין אידעאָלאָגיעס, מענטשן, פריינד, קינסטלער. זיין לעצטער אַרטיקל אין "פאָרווערטס" איז געווען וועגן זיין באַליבטן קאָמפּאָזיטאָר פון ציגינער־מוזיק־פראַנץ" ליסט וועלכער האָט געהאַט געשריבן אַ בוך פול מיט אַנטי־יידישע העצערייען און בילבולים.

די איינציקע קאָמפּענסאַציע פאַר די עגמת נפשן איז געווען זיין שרייבערישע מי. פאַראַפראַזירנדיק דעם משל פון תנ״ך וועגן די ביימער וואָס זוכן אַ קעניג, האָט אַפּטער דערקלערט, אַז ער וויל בעסער זיין אַ פּרוכטבאַרער בוים איידער צו ווערן אַ קעניג — אַ דאָרן. דערמיט האָט ער פאַרטיידיקט זיין דערווייטערן זיך פון קריגערישן געווימל און פּירערשאַפט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער צו געבן אַ תיקון זיינע מאַנוסקריפּטן און נישט פאַרענדיקטע נייע ווערק.

שמשון אַפּטער איז געווען אַן איינציק־אַרטיקער פּיל־קאָליריקער דערציילער וואָס האָט מיט געניטקייט אַרויסגעבראַכט די מענטשלעכע ליידנשאַפטן, באַגערן, קאָמפּליצירטע מענטאַליטעטן, מאָדנע אָבער אמתע טיפּן, רעאַלע פאַסירונגען און סיטואַציעס. די אַקציעס פון זיינע דראַמאַטישע אָדער טראַגי־קאָמישע עפּיזאָדן זיינען

---

די ליכט־פאַרזונטע טעג אינעם אומעט פון געזאַנגען —
אַזוי אין שטילער פרייד זענען ביידע מיר געגאַנגען.

פאַרבלייב מיט מיר, פאַרבלייב, אין שקיעה־שעה פון בענקען,
דעם האַרץ־ציטער פון איינעם דעם צווייטן צו פאַרשענקען.

פאַרבלייב מיט מיר, פאַרבלייב, אין אַ שטילער שעה פון בענקען,
כ׳זאָל דעם דאָנערשטיק פאַרנאַכט אין צעהעלטע טעג געדענקען.

פאַרבלייב מיט מיר פאַרנאַכט, אין שקיעה־שעה פון בענקען

סעפּטעמבער־1989

אָנגעלאָדן מיט אומרו, דינאַמיק און שפּאַנונג. דער שרייבער איז בכח אַריינצודרינגען אין די פּאַרטייעטע פּסיכישע עלעמענטן פון היינצייטיקן מענטש אַפּטערס יידיש איז רייך, אידאָמאַטיש, פּאָלקלאָריסטיש, באַזונדערס ווען ער לעבט אויף דאָס שטעטל, דעם שטייגער לעבן פון אַ מאָל און פון היינטיקן ניו־יאָרק. אין זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען באַקענט זיך דער לייענער מיט דעם טראַגישן גוראַנגל פון אונדזערע ברידער פאַר יידישן קיום, די איינגעוואָרצלטע עטיק, מסירת נפש און קידוש השם. ווי אונדזערע שרייבער, האָט אויך אַפּטער חורבן־דערציילונגען. מיט באַשיידנקייט און טיפער פאַרשטענדעניש שילדערט דער שרייבער די איבערלעבונגען פון די גרויליקע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די טויט־לאַגערן.

*

איידער מיר וועלן באַקענען דעם לייענער מיט אַ צאָל פון אַפּטערס ווערק, וועלן מיר בצימצומדיק איבערגעבן וועגן זיין לעבן און שרייבערישער ירושה.

שמשון אַפּטער איז געבוירן געוואָרן אין אָפּאַטאָוו, קעלצער קרייז, 1907. אין דעם שטעטל האָט ער געלערנט אין חדרים, בית מידרש, געלעבט אין יידישקייט, אָבער זייער יונג ציט אים קיין וואַרשע. זייענדיק עלף יאָר אַלט האָט ער געשריבן לידעלעך. אַ דאָקטער וואָס איז געקומען אין שטוב צו זיין קראַנקער מאַמע, האָט געלייענט זיינס א ליד און געלויבט דעם פּאָעט.

ער האָט אין וואַרשע גענומען לערער־קורסן, זיך באַקענט מיט ווייסענבערגן, וועלכער האָט געזען אין דעם יונגן בחור אַ פּאָטענציעלן טאַלאַנט און האָט אים משפּחהדיק מקרב געווען. געדרוקט זיין ערשט ליד אין "אונדזער האָפענונג", אין 1930 קומט אַפּטער קיין קאַנאַדע און דרוקט זיך אין אַ טאָראָנטאָ־זשורנאַל דער "פּראָלעטאַרישער געדאַנק"; אין 1936 באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק און דרוקט זיך אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטונגען. אין זעלבן יאָר ווערט אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך "צווישן שטעט". אין 1942 ווערט פּרעמירט פון איקוף "דער בונט". זיין ערשט היסטאָריש ווערק "דער רוימישער געטאָ, איז דערשינען אין 1946 און געוואָרן איבערזעצט אין עברית פון דעם דיכטער אמיר גלבוע. אין 1956 גייט אַרויס "אין אַ נייע וועלט", אַ ראָמאַן וועגן די ערשטע יידישע אימיגראַנטן אין ניי אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק) אין 1964 — "די פּרייסינגערס" אַ גרעסערע נאָוועלע וואָס שפּילט זיך אָפּ אין ניו־יאָרקער גאַרמענט־סענטער. אין 1973 — דערציילונגען "ווען די קונצנמאַכער וועלן קומען; אין 1980 — "די מאַראַנען משפּחה דאַ סילוואַ" און אַנדערע דערציילונגען וואָס זיינען צעזייט אין צייטשריפטן איבער דער וועלט. ער האָט אויך געשריבן אַרטיקלען, עסייען, קריטיק אין וועלכע סקומט צום אויסדרוק זיין באַנעם וועגן דער ראָל און שליחות פון ליטעראַטור און קונסט.

2

היסטאָרישע ליטעראַטור איז שטענדיק געווען אַן אַטראַקציע פאַר שרייבער און לייענער. קינסטלערישע ווערק זיינען געשריבן געוואָרן וועגן יידישע ליידן אין מיטלאַלטערלעכן געטאָ. צו דערמאָנען ישראל זאַנגווילס "די טרוימער פון געטאָ" פויכטוואַנגערס "ייד זיס", "די יידישקע", שלום אַשס "די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", אויך י.ל. פּרץ. דלוזשנאָווסקי א. א. האָבן געשריבן אויף דער געטאָ־טעמע. ש. אַפּטער האָט זיך געגריבלט אין געשיכטע — אַרכיוון, זיך באַקענט מיט מאַטעריאַלן וועגן רוימישן געטאָ אין 16־טן יאָרהונדערט אין דער צייט פון פּויפּסט גרעגאָר. יענער געטאָ איז נאָך היינט אַן אַטראַקציע פאַר טוריסטן.

פון די געשיכטלעכע קוואַלן האָט מען קוים געקענט באַנעמען דאָס לעבן און געראַנגל פון די יידן אויף יענערזייט בריק, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם געטאָ פון דער שטאָט. די קלאַסישע היסטאָריקער האָבן דערציילט וועגן פאַרפאָלגונגען, גזרות, און וועגן געלערנטע און דיכטערס וואָס האָבן איבערגעלאָזט ספרים פּיוטים אָדער סליחות. אַפּטער האָט זיין נאָוועלע ״אין רוימישן געטאָ״ באַזירט אויף געזאַמלטע מאַטעריאַלן פון יענער צייט; אַ צאָל נעמען זיינען אויטענטישע, אַנדערע — פיקטיווע.

מיר באַקענען זיך מיט אַ קאָלירפולן פּערסאָנאַזש; טיפּן פון געטאָ־יידן, קריסטן אויסערן געטאָ; משומדים, ווי דער כיטרער משה/ גלתּי, וואָס דינט דעם סעקרעטאַר דאָן קאַרלאָס, אַ ברודער פון רשעותדיקן פּויפּסט וואָס וויל פאַרברענען דעם געטאָ מיטן עַם קשי עורף, די אַנטיכריסטן וואָס מאַכן כשוף און ברענגען אומגליק אויף די גלויביקע. דער צווייטער משומד, לעאָנאַרדי מיסאָראַנו, שרייבט אַ העץ־בוך קעגן יידן. די צייט איז אַ פינצטערע. אין רוים פאַרברענט מען אפּיקורסים און מאַראַנען, אַנטלאָפענע פון שפּאַניע. דער פריערדיקער פּויפּסט פּאול דער דריטער האָט דערלויבט מאַראַנען זיך באַזעצן אין אַנקאָנאַ אָבער דער נייער פּויפּסט גרעגאָר האָט צעשטערט די דערלויבעניש און איבערגעלאָזט צוואות קעגן יידן און יידישע ספרים.

די איידעלע גראַציאַ מענדעס, אַ געוועזענע מאַראַנערין, וואָס האָט געהאַט אַן איינפלוס ביים טערקישן סולטאַן סוליימאַן, האָט זיך אָנגענומען פאַר די יידן אין רוים. איר מי האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. דער וואַטיקאַן האָט מיטן כח פון דעקרעטן און אינקוויזיציע געפּלאָגט די יידן מיט שווערע אַרבעט, אויסצאָל־געלט פאַר דער קירך, באַגרענעצונג פון חתונות, שמיץ און געצוואונגענער שמד. זייער אָפּט האָט דער געטאָ געמוזט צושטעלן יידן צו קומען הערן גלחישע דרשות. אין דער מלחמה־צייט צווישן רוים און שפּאַניע האָבן יידן געמוזט בויען שוץ־מויערן און צאָלן גרויסע צינזן. אין די באַדינגונגען ווערן געשילדערט די העלדן פון דער נאָוועלע. אין געטאָ איז געווען אַ דאָקטער, עמנואל סאַבאַטי, אַ געטרייער מנהיג וואָס האָט געקענט העלפן זיינע ברידער, מחמת רייכע גויים האָבן געמוזט אָנקומען צו אים ווי דער בעסטער רופא. אַ צווייטער ייד, טאָסקאַני, דער רייכסטער אין געטאָ, האָט געהאָלפן די אָרעמע לייט און געטראָגן דעם יאָך פון קאָנטריבוציע וואָס דער פּויפּסט האָט פאַרלאַנגט־סומעס וואָס איז נישט מעגלעך געווען צו שאַפן. אין מאָמענטן פון שוואַכקייט און יאוש האָט ער געטראַכט צו פאַרלאָזן דעם געטאָ און אוועק אין דער פריינדלעכער אַנקאָנאַ.

מיר באַקענען זיך מיט משפּחה־דראַמעס אין געטאָ. די צוויי טעכטער פון אָרעמען פישער יהונתן ווערן געצוואונגען צו שמד, ווערן געפּייניקט און שטאַרבן אויף קידוש השם. זיין איינציקע לעבן־געבליבענע שושנה ווערט געשמיסן אין מיטן מאַרק פאַרן אָפּזאָגן זיך צו שמדן. דר עמנואל זאָגט מיט איר שמע ישראל, ער ברענגט זי אַ פאַרפּייניקטע צוריק אין געטאָ און ראַטעוועט זי פון טויט.

אַפּטער מאָלט די פּראַכט פון די גויישע רוימישע גאַסן, די הייזער, פּאַלאַצן, שפּורן פון דער אַלטער רוימישער גלאָריע, די פּראָצעסיעס אין וואַטיקאַן, דעם טיטוס־טויער וואָס דערמאָנט די צופעליקע יידן דעם סוף פון יידישער אומאָפּהענגיקייט. און אין געטאָ שטיקן זיך די יידן. ס׳קומען פאָר פאַרפלייצונגען אין די נידעריקע הייזער און קעלערן. שבת האָבן זיי געוואַרט ביז נאַכט אויסצושעפּן דאָס וואַסער. נאָך אַזעלכע פאַרפלייצונגען זיינען געווען מגפות און הונגער. אָבער די געטאָ־יידן האָבן זיך צוגעוווינט צום דערנידעריקטן לעבן, געפונען טרייסט און פרייד אין זייערע טראַדיציעס, תּפילות, שבתים, יום־טובים און חתונות. ס׳ווערט געשילדערט די חתונה פון רחל און דעם מאַראַן מרדכי וואָס איז געוואָרן געזוכט פון דער אינקוויזיציע און דער געטאָ־דאָקטאָר העלפט דעם פּאָרל צו אַנטלויפן און זיך באַזעצן אין אַנקאָנאַ, ווו דער פאַנאַטישער פּויפּסט האָט נישט קיין שליטה.

די אַלע גזרות זיינען היסטאָרישע אמתן, וואָס זיינען אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אַפּטערס "דער רוימישער געטאָ" באַווירקט אונדז באַזונדערס צוליב אונדזערע איבערלעבונגען אין די געטאָס אויפֿן שוועל פֿון חורבן.

3

פֿאַראַן אַפּטערס אַ דערציילונג "צווישן בערג און שטערן" וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די חורבן־יאָרן, ווען אַ יידישע משפּחה פֿון פּוילן איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן קיין פּאָרטוגאַל. אין ליזאַבאָן האָבן געלעבט יידישע פּלטים נישט געקוקט אויף די פֿריינטלעכע באַציאונגען פֿון פּאָרטוגאַל מיט היטלער־דייטשלאַנד. דער מחבר ברענגט צוזאַמען די פּוילישע משפּחה מיט די "נאָוועס", אָפּשטאַמיקע פֿון מאַראַנען וואָס האָבן געלעבט אין די צפֿון־בערג און זיך אַלץ נישט געקענט באַפֿרייען פֿון שרעק וואָס האָט זיי פֿאַרפֿאָלגט ווי אַ ירושה פֿון די אַמאָליקע אינקוויזיציע — יאָרן אין 18־טן יאָרהונדערט. אַפּטער האָט זיך באַקענט מיט דער געשיכטע פֿון מאַראַן־דראַמאַטורג זשאָזע דאַ סילוואַ וועלכער איז פֿאַרברענט געוואָרן אויפֿן אויטאָ־דאַ־פֿע אין 1730, צוואַנציק יאָר איידער ס'איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן די אינקוויזיציע. ביז אונדזערע טעג האָבן די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען געלעבט אין פּחד און אין אומצוטרוי צו קריסטן.

"צווישן בערג און שטערן" קען דינען ווי אַ פּרעליוד צום ראָמאַן "די מאַראַנען — משפּחה דאַ סילוואַ וואָס שפּילט זיך אָפּ אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט, ווען בראַזיל איז באַהערשט געוואָרן פֿון די פּאָרטוגעזער און זייערע פֿרומע אינקוויזיטאָרן. דער שרייבער באַווירקט מיט זיינע פּרעציזע שילדערונגען וועגן גוראַנגל פֿון די מאַראַנען פֿאַר זייער עקזיסטענץ און זייער עקשנות אָנצוהאַלטן יידישקייט. זיי האָבן זיך געמוזט היטן פֿאַר די שכנים און אַפֿילו פֿאַר משפּחה־יחידים ווי יוחנן פֿאַר זיין זון, אַ קאַטוילישער מאָנאַך. אַ צאָל נעמען אין ראָמאַן זיינען אויטענטישע, ווי זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ און זיין ווייב דאָנאַ לאַוורענסיאַ. שרייבנדיק די נאָוועלע האָט אַפּטער זיכער געהאַט פֿאַר די אויגן אונדזערע מאַראַנען פֿון דור החורבן אויף דער "אַרישער" זיין און די מאַראַנען — שרייבער און פֿרומע יידן אין ראַטן — פֿאַרבאַנד.

מיט יענער צייט ווען די פּאָרטוגעזער האָבן איינגענומען בראַזיל, איז אויך פֿאַרבונדן אַ צווייטע פּאַטעטישע געשיכטע וועגן די ערשטע 23 יידן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט חדשים לאַנג אויף דער אַלטער פֿראַנצויזישער שיף "סאַנטאַ טשאַרלס", ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין מאַנהעטן, ניי־אַמסטערדאַם. דער גורל און שווערער גוראַנגל פֿון די ערשטע פּיאָנערן, פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, ווערט געשילדערט אין גרויסן ראָמאַן "אין אַ נייער וועלט". דער מחבר האָט פֿילזייטיק געפֿאָרשט יענע צייט פֿון 17טן יאָרהונדערט. ער דערמאָנט אויף די ראַנדן די גזרת ת"ח ות"ט, די מאַראַנען פּליטים אין האָלאַנד, אוריאל אַקאָסטאַ, און דעם טראַגישן אָנשטרענג צו געפֿונען אַ מקום מנוחה.

אַפּטער דערמאָנט נעמען פֿון הייניטיקן מאַנהעטן, קאַנאַל־סטריט, די באַוערי, טייכן, אינזלען; די מולטי — רעליגיעזע דענאָמינאַציעס, קאַטאָליקן, לוטעראַנען, הוגענאָטן, באַפּטיסטן, וואָס האָבן אַלע ניט געלעבט אין האַרמאָניע. יעצט זיינען צוגעקומען יידן. צווישן די פּיקטיווע נעמען זיינען די הויפּט־העלדן דער קצב — אָשר לעווי, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן פֿאַנאַטישן שונא־ישראל, פּיטער סטייוועסאָן מיטן הילדצערנעם פֿוס, יעקב באַרסימסען (בר שמשון) פֿון האָלאַנד און נאָך אַ פּאָר טיפּן.

אין יענער צייט איז די "נייע וועלט" געווען אַ צעקריגטער פֿעלקער־יריד פֿון האָלענדער, ענגלענדער, שוועדן וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן זיך און אַלע — קעגן די אינדיאַנער. דער גובערנאַטאָר און זיינע באַאַמטע האָבן נישט געוואָלט טאָלערירן קיין יידן אין ניי־אַמסטערדאַם אָבער די האָלענדישע יידן האָבן אויסגעפֿועלט אַ דערלויבעניש פֿון דער "מעריב אינדישער געזעלשאַפֿט", וואָס איז געווען דער בעל הבית פֿון דער

קאָלאָניע. שלאַכטן זיינען אָפט פאָרגעקומען מיט אינדיאַנער, וועמען די קאָלאָניסטן האָבן אָפּגענאַרט און פאַרפּאָלגט. די שטאָט איז באַוואַכט געוואָרן פון באַשיצער. צו דעם כבוד האָט מען יידן נישט צוגעלאָזט, זיי האָבן געדאַרפט בלויז צאָלן וואָך — שטייערן. אָבער אשר לעווי און באַרסימסען האָבן אויסגעקעמפט זייער רעכט.

יידן האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, באַמיט זיך אויפצוהאַלטן זייערע טראַדיציעס, געדאַוונט צוזאַמען. ס'זיינען אָנגעגאַנגען שידוכים, געמישטע ליבעס און אייפערזוכטן. ס'ווערן געשילדערט פאַרשידענע טיפּן און באַציאונגען צווישן פּשוטע און יחסנישע משפחות. די יידן האָבן זיך באַמיט פרידלעך איינצולעבן מיט די קריסטלעכע שכנים פאַרמערס, בעל־מלאכות, סוחרים, שענקערס; זיי האָבן געזוכט קוואַלן פון פרנסה אין האַנדל און מלאכה הגם ס'האָבן נישט אויפגעהערט די באַגרענעצונגען, און קלאַנגען אַז די יידן וועט מען אַרויסטרייבן. הפקר־לייט האָבן געזען אַ געלעגנהייט צו ראַבעווען, פאַרהאַלטן חובות. אָבער די יידן האָבן זיך געזעצלעך געווערט און נאָך אַלערליי געראַנגלענישן האָבן די שכנים זיי אָקצעפּטירט.

אין דער נאָוועלע שפּילן זיך אָפּ פאַרשידענע דראַמעס, ראָמאַנטישע ליבעס פון יצחק און שושנה, באַרסימסען און די קריסטלער אלמנה וואָס איז אומגעקומען פון אינדיאַנער; אשר לעוויס צעריסנקייט צווישן מרים און דער אַריסטאָקראַטישער ריקאַ נונעס, מיט גליקלעכע אָדער טראַגישע סופן. די יידישע נעמען זיינען מערסטן ספרדישע: אַקאָסטאַ, ישראלי, דוד פּרערא, וכדומה. דער שרייבער לעבט מיט זייערע טעגלעכע פּראָבלעמען, מורא, זאָרג פריידן און ליידן. יידן האָבן זיך געטוליעט אין זייער סביבה, קולטור און טראַדיציע, צוזאַמען געדאַוונט אין אַ שכנס וווינונג, געפּראַוועט יום־טוב, שבתים און געזונגען דעם טרויעריקן כל נדרי אין יום־כּיפור. דער היסטאָרישער ראָמאַן פון וואַנדער־משפחות וואָס זוכן נייע היימען איז אונדז נאָענט און רעלאַוואַנט אין אונדזער צייט. ס'איז דער יידישער גורל פון אייביקן אָנהייבן אויפסניי.

4

ש. אַפּטער האָט גרויסע פאַרדינסט אין זשאַנער פון היסטאָרישן ראָמאַן. ער האָט אויך געשריבן דערציילונגען פון אונדזער צייט. מיר גלויבן, אַז קינסטלעריש איז די נאָוועלע "די פּרייסינגערס" פון זיינע בעסטע ווערק.

אומצאָליקע ביכער, דראַמעס פילם־סקריפּטן זיינען געשריבן געוואָרן וועגן דער קליידער־אינדוסטריע אויף דער זיבעטער עוועניו, אין ניו־יאָרק. אַפּטער, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון פרויען=קליידער, איז געווען באַקאַנט פון דער נאָענט מיט יענער אימפּעריע, די קאָנפליקטן מיט דער יוניאָן, דאָס זוכן ביליקע הענט אין דער פּראָווינץ, דער אַריינמיש פון גענגסטערס וואָס האָבן גענומען פּראָטעקציע־געלט פון די פאַבריקאַנטן א.א.וו. דער עלטערער דור אַרויפגעאַרבעטע באַלעבאַטים האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ מאָראַלישן סטאַנדאַרט מענטשלעכע אחריות און אַ ביסל יידישקייט. אָבער זייערע יורשים האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעטרייסלט פון דער יאָלדישער מענטאַליטעט און זיך נאָר גערעכנט מיט פּרינציפּן וואָס ברענגען פּראָפיטן, רייכקייט און עולם הזהדיקן גענוס. די משפחה־יסודות זיינען צעפּוילט געוואָרן ביזן גרונט. דער אַלטער פּרייסינגער, אַן אייגנטימער פון דער "איסטערן פעשאָן פּראָקס קליידער פאַבריק" איז געווען רעספּעקטירט פון די אַרבעטער און האַנדלספריינד. דער זון, סידני, האַלט נישט פון טאַטנס אַלטמאָדישע מעטאָדן. דורך ביליקע נישט־יוניאָן אַרבעטער קען ער מאַכן גרעסערע פּראָפיטן. ער פּלאַנירט צו פירן אַ געהיימען שאַפּ אין אַ שטעטל, אין פּענסילווועניע, ווי ס'טוען די קאָנקורענטן. ווען סידניס ווייב, גערטרוד, ליגט אין שפּיטאָל מיטן ניי — געבוירן קינד, פאַרבינדט ער זיך מיט זיין סעקרעטאַרן אָדער מיט

דער שיינער מאָדעלקע פרענציס סלאָאַן. זיין ווייב האָט ער נישט ליב, אָבער דורך איר קען ער אויספּרעסן געלט פון רייכן שווער דעם ריעל־עסטייטניק. ס׳גיט זיך איין אָפּצוקויפן און אַרויסשטויסן דעם טאַטנס שותף דער אַלטער פרייסינגער קריגט אַ מוח־שלאַק אין מיטן גאַס און שטאַרבט אין האַרלעם־שפּיטאָל. די פאַבריק קריגט דריי נייע באַלעבאַטים. סידני, זיין שוועסטער עסטעלע וואָס פאַרלאָזט איר מאַן, אַן אידעאַליסטישן דאָקטער, און איר נייער פריינס, אַ לעב־יונג ביל גאָרדן, וואָס איז דער דריטער שותף: זיי קומען אין קאָנפליקט מיטן דער יוניאָן וואָס ענדיקט זיך מיטן טראַגישן מאָרד פון דעם ערלעכן און גוטמוטיקן באַרני סעלצער, דעם פאַרליבטן אין דער שיינער פרענציס. פירנדיק דעם טראָק קיין פענסילוועניע, אין דראַמאַטישן פלאָנטער פון געלט־גענעג, אָפּנאַרעריי, זנות און הולטייסטווע דערשיינען אַלערליי טיפן וואָס דער שרייבער שילדערט מיט פאַרשטענדעניש און אָביעקטיווקייט.

אין אַן אינטערוויו וועגן דעם ווערק זאָגט דער מחבר, אַז אַן אמתער קינסטלער פאַרשטייט די געמיטער פון זיינע העלדן און קען זיי נישט פאַרדאַמען. זיי זיינען פול מיט תאווה אָבער נישט ווולגאַר. ליבע און לוסט גייען צוזאַמען. פאַראַן אין בוך פאָעטיש־געשילדערטע עפּיזאָדן, איידעלע טיפּן, ווי דער דאָקטער סאָרקין, רביי עלקין, דער פאַרליבטער באַרני, וואָס איז געוועזן דער קרבן אין דעם דזשונגל פון געלט־גייציקייט אין גאַרמענט־צענטער פון ניו־יאָרק. די ״פרייסינגערס״ איז אַ ראָמאַן פון יענע אַמעריקאַנער יידישע הייזער, אויסגעליידיקטע פון טראַדיציע און מענטשלעכע ווערטן, וואָס פירט צו זעלבסט־פאַרניכטונג.

5

די דערציילונגען אין ״די קונצנמאַכער וועלן קומען״ זיינען אָנגעלאָדן מיט מאָטיוון פון עראָטיק, ליידנשאַפט, געראַנגל צווישן יצר־טוב און יצר־הרע, פּיין און יאוש. אין דער לילית־נעץ פון בענקענדיקע פרויען פאַלן אַריין שטילע גאָטספאָרכטיקע מלמדים און רבישע זונדלעך; מורא און חרטה פירן אָפּט צום זיג פון געוויסן.

אין אַ צווייטער דערציילונג ״דער תיקון״ פאָראַבירט דער מחבר אַריינדרינגען אין די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, נשמה־פאַרווירטקייט און נאָכווייעניש פון דעם ״פליטים־שבט נאָכן חורבן. אין יענער רשעותדיקער הפקר־צייט, ווען יידן אין אוישוויץ האָבן זיך מיט אַלע כוחות געקלאַמערט אין לעבן און נישט איינער איז געשטרויכלט געוואָרן, האָבן זיך געפונען שטילע צדיקים, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר אַ מענטש. אַזאַ איז געווען די קראַנקן־שוועסטער העלענע וואָלפגאַנג וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען ווי אַ קריסטן און געראַטעוועט דעם רבין ר׳ מענדעלע אַלטער און זיין טעכטערל חנה. דער רבישער הויף ווערט צוריק אויפגעלעבט אין וויליאַמסבורג און העלענע, דער נס מן השמים, וואַרעמט זיך אין צדיקס הויף ווי אַ מאָל איר פאָטער ביים זבאָנזשער רבין אין פוילן.

דער שווער־געפּרוווטער רבי גלויבט אַז דאָס ליכט פון יידישקייט אין אַמעריקע צאַנקט; נישטאָ היינט קיין לובלינער חוזה מיט זיינע נסים. זעקס מיליאָן צדיקים זיינען אומגעקומען דערפאַר האָט יעדער לעבנגעבליבענער ייד אַ חוב אויפצוהאַלטן יידישקייט פאַר זיך און פאַר די אומגעקומענע. יעדער דור קומט מיט אַ נייעם אור. אָבער ליכט איז אַ פאַרבלענדעניש. אין צייטן פון תוהו־ובוהו קומען נייע משיחים, נאָר זיי זיינען אַלטע געצן וואָס אונדזערע אָבות האָבן זיי שוין לאַנג צעבראָכן.

די השקפה פון אַפּטערס סימבאָלישן רבין איז נישט ניי. פיל שרייבער, דיכטער און דענקער האָבן אויסגעדריקט צווייפל און אַנטוישונג אין אידעאָלאָגיעס. אָבער אַפּטער

**מאיר חַרַץ**/ ירושלים

# סע ברענט דאָס לעצטע ביסל נאַפּט

סע ברענט דאָס לעצטע ביסל נאַפּט אין לעמפּל אויס,
סע קריכט די פינצטערניש פון טונקלעניש אַרויס,
דאָס צימערל ווערט גרויס ווי אָן פענצטער, ווי אָן ווענט,
נאָר פּרווו זיך נישט די גרייס צו מעסטן, שטרעק נישט אויס די הענט
צו קלאַפּן האַנט אין וואַנט ווי אַ מאָל דעם קאָפּ
אין וואַנט דו האָסט געקלאַפּט און קיין הילף איז נישט אַראָפּ
פון הימל דיר, קיין מינדסטער טראָפּן טרייסט
און ווידער זע איך ווי אַ מאָל דו שטייסט
דעם קאָפּ געבויגן און די אויגן צוגעמאַכט
ווי אַ צוגאָב צו דער חשכות, צו דער נאַכט,
ווי אַ צולאָג צו דײַן עלנט, וואָס ער דאַרף קיין צולאָג נישט,
ווי אַ צולאָג צו דעם הונגער בײַ אַ שוואַרץ־געדעקטן טיש
און די רגע'ס ציען זיך ווי יאָרן־יאָרן לאַנג,
אָן אַ טראָפּן שײַן, אָן אַ שאָרך, אַ קלאַנג,
ביז סע טוט פּאַר טאָג אַ קריי דער האָן
און אין אַ שפּאַלט פון שויב צינדט אַ שטריך פון ליכט אַ לעמפּל אָן.

---

זעט די פּאַרווירטקייט מיט הײַנטיקע אויגן און אייגענער דערפאַרונג. דער העלד און פּראָטאָטיפּ פון מחברס באַנעם איז פנחס, וואָס קען ביז הײַנט ניט געפינען קיין תיקון פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

*

אין זײַנע ערשטע דערציילונגען איז אַפּטער באַוווירקט פון אידעאָלאָגיעס. ער זוכט נישט דעם יוצא מין הכלל פון לעבן, נאָר דעם וואָכנדיקן געראַנגל פאַר קיום. די דאָזיקע השקפה האָט קאָנטראָלירט זײַנע העלדן און זייער זײַן אין לעבן.

אין זײַן קינסטלערישער אַנטוויקלונג האָט אָנגעהויבן דאָמינירן דאָס אַנדערשדיקע. ער גריבלט זיך אין מענטשלעכע נשמות אין פאַרבאָרגענע ירושות. אין דער שואה זײַנען אומגעקומען אמונות און סאָציאַלע אידעאַלן. יעצט זוכט דער שרייבער דאָס שיינע און דערהויבענע פון געציילטע יחידים.

דער מאָדערנער קינסטלער גראָבט זיך אין די פּרימיטיווע אינסטינקטן פון מענטש, זײַנע תאוות, ווילדקייטן און רציחות. ווי באַשעוויס זינגער גלויבט נישט אַפּטער, אַז סאָציאַלע רעוואָלוציעס ענדערן די אײַנגעוואָרצלטע ירושות. ער איז אויסן צו ווײַזן דעם מענטש אין זײַן נאַקעטן פּרימיטיוון צושטאַנד, זײַנע עמאָציעס און אימפּולסן. מענטשן זײַנען מקריב אַנדערע און זיך אַליין פאַר זייערע נייע גלויבנס, וואָס האָבן סיווי נישט געבוטן די מענטשלעכע אייגנשאַפטן און נישט געשאַפן קיין בעסערע וועלט.

שמשון אַפּטער איז נישט געווען אין זײַנע שאַפונגען קיין ראָמאַנטיקער ווי שלום אַש, נישט קיין סאָציאַל־ראָמאַנטיקער און עטיציסט ווי פּרץ, הגם ער טראָגט אין זיך זייער ירושה. צום גליק איז ער ווײַט געווען פון באַשעוויס זינגערס פּעסימיזם. ווי רי מענדל, זײַן העלד, גלויבט ער אין אַ באַנײַטער ייִדישקייט, אין אייביק אָנהאַלטן די קדושה פון אונדזער געשיכטלעכן עבר. און ווי זײַן העלד פנחס זוכט ער אַ תיקון פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

## דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ

דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ,
דאָס נאַרישע האַרץ דאָס פאַרשפּאַרטס
צעלאָזט זיך האָט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ,
בשעת דער וועג איז פאַרמאַכט, איז פאַרשטאָפּט
און קען בלויז לויפן אַן ענגן מאַרשרוט
און טרײַבן אַרויף און אַראָפּ דאָס בלוט.

דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ,
דאָס נאַרישע האַרץ דאָס אָפּגענאַרטס
פון יעדן, וואָס נאַרט זיך און מיינט, ער איז קלוג
און זעט נישט תמיד, ווען ער קוקט
און הערט נישט תמיד, ווען ער זאָגט
אַליין צו זיך: אַ שווערער טאָג.

דאָס נאַרישע האַרץ און די נאַרישע צונג
און ס'האָט די פּען זיך אין טינטער געטונקט
און אויפגעשריבן אַיעדעס וואָרט
צונויפגעקליבן פון דאָ און פון דאָרט
און אָפּגעלאָזט זיי אין וועג אַרײַן פרײַ
אַהער און אַהין און אַהער אויף דאָס נײַ.

און ווידער אַהין אויף לינקס און אויף רעכטס,
אַרויף און אַראָפּ, מיט גוטס און מיט שלעכטס
און אײַנהאַלטן זיך שוין מער נישט געקאָנט,
פון ווײַטן נישט און נישט פון דער נאָנט,
זיך צוגעהאַלטן בלויז מיט די הענט
און אָנעם פאַרענטש זיך אָנגעלענט.

דאָס האַרץ, דאָס נאַרישע האַרץ,
דאָס נאַרישע האַרץ האָט געפּלאַצט.

## איך וואָלט געוואָלט

איך וואָלט געוואָלט אין מײַן לעצטער מינוט
ווי קיין מאָל נישט פריער זײַן זאָל מיר גוט,
כאָטש כ'וועל נישט קענען דערציילן דערפון
נישט דער לבנה און נישט דער זון.

מײַן איינציקע גוטע מינוט וועט עס זײַן,
נאָר כ'וועל נישט געדענקען איר טעם פון ווײַן,
ווײַל אויף צו געדענקען דאַרף זײַן ווער
און איך וועל דאַך דאָ נישט זײַן שוין מער.

און דאָרטן? נישטאָ דאָרט קיין צײַט בכלל,
וואָס הייבט זיך אָן דאָ פון אַ זונענשטראַל,
אַ רמז פון דער זון, וואָס גייט אויף
און שטייגט אויפן הימל אַרויף־אַרויף.

ירושלים, 1טער אויגוסט, 1990

## מיר שטאַרבן נישט

מיר שטאַרבן נישט, מיר הערן פשוט אויף צו זײַן
און אויב סע שאָקלט זיך אַביימל נאָך פון אונדזערס אַ באַריר,
איז גלײַך סע וואָלט אַ ווינטל אין אַ וואַלד אַרײַן
און קען נישט אויף אַרויס געפינען מער די טיר.

און אויב סע האָט דיין פינגער זיך אויף עפעס אָפּגעדרוקט,
אַ מיידלס שמאָלע אַקסל, די טאַליע אַ פרויס
און דו בײַ איר געבליבן ביסט, געוואָרן איר בן זוג
און ס׳איז פון איר דײַן טאָכטער און דײַן זון אַרויס,

איז ווייס, סע איז דאָס ווינטל, וואָס איז אין וואַלד אַריין
און שאָקלט מיט אַ ביימל און הוידעט מיט אַ צווײַג.
מיר שטאַרבן נישט. מיר הערן פשוט אויף צו זײַן,
איך האָב אין דעם בײַ מײַן פאַרגיין זיך איבערצייגט.

ירושלים, 8טער סעפטעמבער, 1990

## ווידער וועגן זיך

כ׳האָב ווייניק געלייענט און ווייניק געלערנט,
נאָר צרות געהאַט אויף מײַן קאָפּ גענוג,
די נאַכט איז מיליאָניק אויסגעשטערנט
און נאָר אויף מיר איינעם זי קוקט און קוקט.

וואָס לאָזט די נאַכט מיט איר קוקן מיך הערן?
מײַן לעבן לויפט דורך ווי דורך אַ בוך
און לויפנדיק טראָגט עס א זאַק אַ שווערן —
אַן אוצר, וואָס מײַן מאַמע האָט אים אומגעזוכט.

מײַן מאַמעס טעות אָן צו באַקלערן —
דאָס נעמען מײַן טאַטן פאַר אַ מאַן,
אַ טעות איז אויך מײַן געבוירן ווערן,
נאָך איידער זיי זענען זיךביידע צעגאַן.

איז קוק איך אויף זיך נישט איבעריק גערן
ווי אויף אַ נישטגעבעטענעם גאַסט,
נאָר אַנדערש קוקן אויף מיר די שטערן —
דאָס גאָלדענע צירונג, וואָס מיר פּאַסט.

מיט פיל יאָרהונדערטער פאַר מײַן געבוירן
האָט האַמלעט געפרעגט — זײַן צי נישט זײַן?
סע האָבן געוואַרט אויף מיר מײַנע יאָרן
און איך האָב געפאָלגט און אין לעבן אַריין.

איך וואָלט זיך פון לאַנג שוין אויפגעגעבן,
נאָר אַנדערש קוקן די שטערן דערויף,
זיי ציטערן, בעטן מיך ווײַטער צו לעבן
און פאַל איך, הייבן זיי ווידער מיך אויף.

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין
אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאַנאַל-
קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די
ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

לילי בערגער/ פּאַריז

# פּאַרשפּעטיקט

## (דערציילונג)

ט'איז געווען אַ זוניקער זונטיקדיקער פרימאָרגן. דער פרילינג האט זיך דאָס יאָר אַריינגעשטעלט באַצייטנס. די אַפּריל־זון האָט זיך מיטן שפּראָץ אויף טאָג אַ שטראַלנדיקע ארויסגעקייקלט פון הינטערן האָריזאָנט און צעשאָטן אַ שפּע ליכט. דער פריער טאָג האָט זיך צעשטראַלט, צעוואַרעמט אויף אַ זומערדיקן שטייגער. דער מאַיעסטעטישער קאַשטאַנבוים הינטער דער הינטערשטאָטישער ווילע איז שוין עלעגאַנט אויסגעצירט אין אַ גרינעם לבוש. אין זיינע צווייגן שפּרינגען אַרום און שווישטשען וואָראָבייטשיקעס. פון אויבן אָן איבער די גרינע בלעטער האָבן זיך צעוואַקסן צווייגעלעך מיט געדיכטן ראָזן בליעכץ. ער קוקט אַריין, דער קאַשטאַנבוים אומדיסקרעט דורכן פענצטער אין צימער, באַוווייזט זיך אין זיין גאַנצן פונאַנדערבלי, ווי ער וואָלט זיך געגרויסט מיט זיין פרילינגדיקער גרין־ראָזער אויסשטאַטונג. ער ווינקט, שמייכלט, רופט, פאַרבעט אַרויסצוגיין אין דעם פּאַריזער הינטערשטאָטישן צעגרינטן דרויסן.

צו איזאַק געלמאַנען דערגייט יאָ און דערגייט נישט דאָס ווינקען און שמייכלען פון קאַשטאַנבוים, דאָס רופן פון פרימאָרגן. ער איז אָנגעבויגן איבער אַ דיקן העפט פּאַרטאָן אין שרייבן. ער שרייבט זכרונות פון אוישוויץ. אַזוי פיל יאָרן זענען דורכגעגאַנגען און ס'איז אים נישט איינגעפאַלן צו באַשרייבן יענע פּאַסירונגען. וואָס פּאַר אַ שרייבער איז ער? ס'האָט זיך סתם פריער וואָס וויניקער געוואָלט טראַכטן דערוועגן. וואָס ווייטער פון יענע יאָרן אַלץ מער און דייטלעכער טויכט אַלץ אויף אין זכרון. מען קאָן עס נישט פאַרטרייבן. אזוי פיל מענטשן האָבן געשריבן און האָבן נישט פארשריבן דאָס, וואָס ער האָט געזען, געפילט אויף זיין אייגענער הויט. הייסט עס, אַז אויך ער דאַרף פאַרשרייבן. האָט ער זיך גענומען דערצו מיט אַ קאַרגע צוויי יאָר צוריק, כאָטש קיין צייט דערויף האָט ער נישט.

ער איז היינט מער ווי געוויינלעך אַריינגעטאָן אין די דערמאָנונגען. כאָטש ער האָט זיך אָקאָרשט דערפילט נישט מיט אַלעמען, קאָן ער זיך נישט אָפּרייסן פונעם העפט. דאָס, וואָס איז היינט אויפגעשוווּמען אין דמיון מוז ער אין גאַנצן אַרויסלייגן אויפן פּאַפּיר. ווען דען, אויב נישט איצט? חוץ שבת כאַפּט ער אַריין אין אַ זונטיק אינדערפרי א צוויי שעה. אין אַ ווינטערדיקן זונטיק, אָדער סתם אין אַ זונטיק מיט אַ פאַרוויינטן וועטער, ווען ס'איז אַן עבירה אַ הונט אַרויסצויאָגן אין דרויסן, לאָזט ער זיך ווילגיין. דאָס ווייב לאָזט אים דעמאָלט צו רו, זי שטייט אים נישט איבערן קאָפּ. ער קאָן אָפּזיצן איבערן העפט דעם גאַנצן פאַרמיטאָג. אַנדערש איז דאָס ווען די זון שיינט און וואַרעמט. געניאַ, זיין ווייב, האַלט אים אין איין אונטעריאָגן און דערמאָנען, אַז ס'איז צייט איבערצורייסן. דאָס מאָל איז זי צוגעשטאַנען צו אים מער ווי שטענדיק:

— אפשר שוין גענוג אויף היינט? וויניק דיר אַ גאַנצע וואָך צו זיין איינגעשפּאַנט פון פרי ביז אָוונט? קאָנסט זיך נישט פאַרגינען אַפילו אויף אַזאַ שיינעם טאָג צו זיין זונטיק אינדערפרי אויף דער לופט? ווען וועלן מיר שוין לעבן ווי מענטשן? אַ לעבן דאָס? דו האָסט בכלל נישט קיין צייט צו לעבן!

— וואַרט, וואַרט, וועסט זען, מיין טייערע, ווי אין גיכן וועלן מיר אַ לעב טאָן! מ'וועט מאַכן אַ לעבן, אַז ס'וועט גיין אַ רויך! נאָר דערווייל לאָז מיר נאָך אַ צען מינוט,

אָט שוין באַלד פאַרענדיק איך און מיר גייען אַרויס זיך אָנטרינקען מיט לופט און זון. מיר וועלן גאָרנישט פאַרשפּעטיקן.

— דער פרייער טאָג וועט שוין באַלד האָבן דורכגעגאַנגען.

— נישקשה, מיר וועלן נאָך האָבן אַ סך פרייע טעג, מיר וועלן אפשר נישט וויסן וואָס מיט זיי צו טאָן.

איזאַק האָט אין זינען געהאַט דאָס אין גיכן גיין אויף פּענסיע. בסך־הכל פעלט אים 5 וואָכן צו די 60 יאָר. אַ געוועזענער דעפּאַרטירטער דאַרף נישט וואַרטן ביז די 65 יאָר. מאַן און ווייב האָבן פון לאַנג געהאַט אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז קיין טאָג לענגער וועט ער ביי דער צאַרבעט נישט בלייבן. ווייניק זיך אָנגעאַרבעט אַ גאַנץ לעבן? ווען דאָס ווייב באַקלאָגט זיך אויף זיין פאַרנומענקייט און גיט אים צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ לעבן בלויז מיט דער אַרבעט איז קיין לעבן נישט, טרייסט זי איזאַק:

— וועסט זען ווי מיר וועלן נאָך מאַכן אַ לעבן, אויף אַלעמען קומט אַ צייט.

ער גופא, איזאַק געלמאַן, האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער דאָזיקער צייט. מ׳וועט טאַקע א ביסל עלטער זיין, אָבער מ׳וועט זיין אַ פרייער פויגל. גענוג איז דען נישט געדעכט? ער איז איינגעשפּאַנט אין דער בוכהאַלטעריע כמעט אַלע טעג פון דער וואָך. אַ גאַנץ לעבן געווען ווי דער אָקס אין דעם אַקער. נאָך גוט וואָס זי, גענוג, האָט זיך נישט צוריגעקערט צו דער אַרבעט. אוודאי צייט געווען פאַר איר זיך אָפּצורוען נאָך ראַוועסבריק. וואָס איז? זיי קאָנען זיך נישט פאַרגינען? בלויז פון די צוויי דעפּאַרטאַציע־פּענסיעס וואָלט מען אויך געקאָנט גוט אויסקומען. וואָס דען? פאַרוואָס איז ער אַזוי איינגעשפּאַנט? ווייסט ער וואָס? אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט. ער רייסט דען איין? אַזוי לאַנג ווי מ׳קאָן, פאַרוואָס נישט? בפרט ווען דאָס געזונט שפּילט צו. ס׳איז דען גוט צו זיין אַ ליידיקגייער? טאַקע געווען צוויי יאָר אין אוישוויץ, אָבער ער פילט שוין דאָס נישט. ס׳טרעפט אַפילו די לעצטע צייטן מ׳ווערט אַ ביסל מיד. וועלכער מענטש איז אָבער אַ מאָל נישט מיד? ניין, נישט צו פאַרזינדיקן מיט זיין געזונט. וואָלט ער געמוזט צואַרבעטן ביז די 65, וואָלט אויך קיין אומגליק נישט געווען. אַיי ס׳בלייבט נישט קיין צייט צו לייענען אַ בוך, צו גיין ערגעץ אָפּטער, וועט מען דערנאָך אָניאָגן. אַזוי צי אַזוי רוקט זיך אונטער די "רעטרעט". ווי גיך ער ווערט אַ "רעטרעטניק" האָט ער די גאַנצע פרייע צייט פאַר זיך, ער וועט זיך אָפּנעמען פאַר אַלע יאָרן.

ער, איזאַק, קען אַזעלכע, וואָס וויסן נישט וואָס צו טאָן מיט דער פרייער צייט; זיי לאַנגווייליקן זיך, זוכן ביי עפּעס די הענט צו פאַרטשעפּען. נישט ווייניק מענטשן האָבן דערפאַר מורא צו גיין אין רעטרעט, מען ווייסט נישט וואָס מ׳וועט טאָן מיט זיך, מיט וואָס מ׳וועט דורכשטופּן די צייט. ער, איזאַק, וועט וויסן וואָס צו טאָן מיט דער פרייער צייט. ראשית כל וועט ער פאַרענדיקן די זכרונות, ס׳בלייבט אים שוין נישט קיין סך. ער וועט זיך אויך נעמען צום ראַמש ביכער, וואָס ער האָט אָנגעקויפט און נישט געהאַט קיין צייט צו לייענען. חוץ דעם פעלט דען ווו צו גיין עפּעס צו זען? און פאַרוואָס נישט אַ קוק טאָן אויף דער וועלט? זי איז קליין היינט, די וועלט. מען זעצט זיך אַריין אין אַן עראָפּלאַן און אין געציילטע שעהן איז מען העט ווייט. נישקשה, ער וועט וויסן ווי אַזוי אויסצונוצן דאָס זיין אין רעטרעט. ער און גענוג וועלן זיך אָפּנעמען פאַר אַלע צייטן. ס׳איז קיין מאָל נישט צו שפּעט.

אַזוי האָט איזאַק איינגעטענהט מיט זיך. פאַרן ווייב האָט ער פון פאַרויס געמאַכט פּלענער, געמאָלן זייערע רייזעס אין די שענסטע פאַרבן, צוגעזאָגט איר, אַז זיי וועלן זיך אָפּנעמען פאַר אַלע יאָרן, זיי וועלן אַ לעב טאָן.

* * *

יענעם זונטיק האָט דאָס ווייב מער קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן ביז ס׳וועלן דורכגיין די עטלעכע וואָכן. וואָס טויגן איר די אַלע צוזאָגן אויף שפּעטער, אַז זי האָט שוין איצט חשק צו פֿאַרזוכן פֿון פֿרילינג. זי איז געווען אָנגעשטויסן אויפֿן מאַן, בפֿרט, אַז די צען מינוט וואָס ער האָט ביי איר אָפּגעבעטן צו פֿאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל, האָבן זיך פֿאַרצויגן אויף אַ שעה.

— פֿאַרענדיקט מיט מזל? מער וועסטו ביי מיר דאָס נישט פּועלן! וועסט מער נישט אַוועקפּאַטערן דעם זונטיק אינדערפֿרי. די אָוונטן אויך נישט. מאָרגן וועסטו אָפּזאָגן דיינע צוויי קליענטן. ס׳פֿעלן נישט קיין בוכהאַלטערס אָן דיר.

איזאַק האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט זיך פֿאַמעלעך אויפֿגעשטעלט און נאָך פֿאַמעלעכער דורכגעשפּאַנט דורכן צימער. דאָס ווייב האָט אים אונטערגעיאָגט.

— לאָז מיר פֿריער אַ ביסל אויסגלייכן די גלידער...

ער האָט ווידער פֿאַמעלעך דורכגעשפּאַנט דורכן צימער, דאָס מאָל איינגעבויגן, פּונקט אַזוי ווי ווען מ׳האָט בויך־ווייטיק. די גלידער האָבן זיך ביי אים נישט געוואָלט אויסגלייכן. מיט אַ מאָל האָט ער דערפֿילט אַ דרייעניש אין לייב. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער רעכטער האַנט ביים האַרץ, דערנאָך ביים בויך. ער האָט אַליין נישט געוווסט וווּ עס דריקט און שטיקט. ערגעץ אין די אינגעווייִדן האָט געדרייט, געבריט, געשטאָכן. פֿאַר די אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען. ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו דער אָטאָמאַנע און אַוועקגעפֿאַלן.

געניאַ, אַ דערשראָקענע, האָט גיך געבראַכט אַ נאַסן האַנטוך אים אויפֿצומונטערן. זי האָט גלייך אַליין געשטעלט די דיאַגנאָז פֿון דער פּלוצלינגער פֿאַרשלאַפֿטקייט: ס׳איז איבערגעמאַטערטקייט. די אַרבעט זויגט אַרויס פֿון אים אַלע כּוחות, ער פֿאַלט אַוועק פֿון מידיקייט. מער וועט זי אים אַזוי נישט לאָזן, ס׳וועט איצט נעמען אַ סוף, אַן עק. פֿון דעסטוועגן האָט זי זיך מישבֿ געווען און אָנגעקלונגען צום דאָקטער. אפֿשר אַ האַרץ־אַטאַק? מיטן האַרץ טאָר מען זיך נישט שפּילן. דער דאָקטער זאָל זיך מטריח זיין זונטיק, האָט זי איבערגעטריבן.

ער האָט זיך מטריח געווען. אָבער ניין, ס׳איז נישט דאָס. דאָס האַרץ קלאַפּט נאָרמאַל. ס׳וועט אָבער נישט שאַטן דער מאַן זאָל זיך אָפּרוען, זאָל ער אַ וואָך־צייט נישט אַרבעטן.

ס׳זענען דורך אַ סך וואָכן. די מידיקייט איז נישט אָפּגעטראָטן. די ווייטיקן אויך נישט.

געניאַס שרעק איז געוואַקסן. זי האָט דאָס אויסבאַהאַלטן פֿאַרן מאַן. איזאַק האָט זי, ווי זיין שטייגער, געטרייסט: איז וואָס אַז אַן אָפּעראַציע? איז ער דען דער איינציקער דורכצוגיין אַן אָפּעראַציע אויפֿן מאָגן? מ׳קומט איבער. דאָס סאַמע פֿאָרויסגעגאַנגענע אין דער מעדיצין איז דאָך די כירורגיע. מ׳וועט אויסשניידן דעם מאָגן־געשוויר און ער וועט צוריק ווערן אַ געזונטער מענטש. נישט געזאָרגט, מ׳וועט דאָס אויך איבערקומען.

מ׳האָט נישט אויסגעשניטן. געווען צו שפּעט. די ראַק־חולאת האָט זיך שוין געהאַט צעשפּרייט איבערן קערפּער, איינגעפֿרעסן זיך אין די געוועבן. אָבער דער קראַנקער האָט אָנגענומען די אָפּעראַציע פֿאַר אַן איינגעגעבענע. ער האָט זיך צומאָל דערפֿילט אַ סך בעסער. און אַז בעסער, וועט עס אין גיכן אין גאַנצן גוט זיין. ער וועט זיין אַ ניי־געבוירענער מענטש. ער וועט איצט וויסן ווי אַזוי צו לעבן. געניאַ איז טויזנט מאָל גערעכט געווען. די צייט, וואָס גייט אַוועק קומט נישט צוריק. וועגן דער צייט אין אוישוויץ רעדט זיך נישט. דאָרט איז די צייט שטיין געבליבן, זי האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַרגליווערטן ווייטיק. איצט, ווען מען וועט אין גיכן האָבן אַ זעכציקער אויפֿן קאַרק, הייבט די צייט אָן צו לויפֿן. מ׳דאַרף קאָנען זיך פֿרייען מיט יעדן טאָג, געבן יעדן טאָג אַן אינהאַלט, מ׳דאַרף פֿון לעבן הנאה האָבן. איצט פֿאַרשטייט ער דאָס אַלץ בעסער

ווי פריער. די קרענק, די אָפּעראַציע האָבן אים אויסגעלערנט שכל, זיי האָבן אים געעפנט די אויגן אויף אַ סך זאַכן: ראשית כל אַז דאָס לעבן איז אַ וווּנדערלעכע זאַך, און מ׳האָט בלויז איין לעבן. ס׳איז דעם מענטש געגעבן איין איינציק מאָל. מ׳דאַרף דאָס נישט צעפּאַטערן, צעטרענצלען. ס׳איז אַזאַ וווּנדערלעכער בעכער געטראַנק, וואָס האָט אַלע טעמים און וואָס מ׳דאַרף נישט לאָזן אויסטרוקענען, קיין טראָפּן טאָר נישט פאַרלוירן גיין, מ׳דאַרף זיך דעלעקטירן דערמיט און אויסטרינקען ביזן דנאָ. פון איצט אָן וועט ער זיך פרייען מיט יעדן זון־אויפגאַנג, מיט יעדן בוים און יעדן גרעזל. ס׳וועט שוין נישט זיין אַזוי ווי ביז איצט. אַ לעבן אַ גאַנצן האָט ער אָפּגעגעבן דער בוכהאַלטעריע. ער וועט זיך איצט אין גאַנצן אַנדערש פירן. געניאַ וועט איצט אויפגעריכט ווערן נעבן אים. ס׳וועט זיין אַן אַנדער לעבן. לעבן! וואָס פאַראַ וווּנדערלעכער געשאַנק! אין אוישוויץ, ווען דער טויט האָט געטראָטן אויף די פּיאַטעס, איז געווען אַ הייסער באַגער צו לעבן. מ׳האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שאַרף פון אַ מעסער, אין אַ שטרוי נישט אונטערצוגיין. דער לעבנס־אינסטינקט האָט געהאָלפן איבערטראָגן אַפילו דאָס, וואָס איז נישט מעגלעך געווען איבערצוטראָגן. היינט זעט ער, איזאַק, דער געוועזענער אוישוויצער, אַנדערש די גאַנצע זאַך. ער האָט צו וואָס צו לעבן, ס׳איז דאָ אין דעם אַלעמען אַ זין. ער האָט פריער קיין מאָל דערוועגן נישט געטראַכט. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז זיין שכל איז דערגאַנגען דערצו. בעסער שפּעטער ווי קיין מאָל. ס׳איז קיין מאָל נישט צו שפּעט.

איזאַק לייגט אַרויס זיינע געדאַנקען פאַרן ווייב. פאַרשאַפּט ער איר דען נישט קיין פרייד דערמיט? האָט זי אים דען שטענדיק נישט געזאָגט, אַז ער איז פאַרנאַרישט? אַז מען לעבט נישט שטענדיק און מען דאַרף אַריינכאַפּן ווי לאַנג ס׳לאָזט זיך? ער קומט איר אַ סך. ער וועט איר איצט אָפּגעבן מיט פּראָצענטער.

געניאַ הערט אים אויס און פילט ווי אַ שווערע משא צעדריקט איר דאָס האַרץ. זי ציט אַרויף אויפן פּנים אַ רואיִקע מאַסקע. זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ צום מאַנס רייד. אין האַלדז שטיקט אַ משונהדיקע שטיקעניש. אָט־אָט וועט זי זיך אַרויסרייסן פון דאָרט אין אַ שליִוך. זי שלינגט אַראָפּ די שטיקעניש, באַהאַלט אויס דעם צער, וואָס נאָגט ווי אַ וואָרעם דאָס האַרץ. זי האָט מורא זי זאָל זיך נישט פאַרראַטן. ווי אַזוי בעסער אויסבאַהאַלטן פאַר אים דעם שרעקלעכן סוד? ווי נישט דערלאָזן ער זאָל זיך אָנשטויסן, אַז ער איז פאַרמשפּט? אַז קיין שום רעטונג איז פאַר אים נישטאָ?

וואָס האָפּערדיקער איִזאַק איז, וואָס מער פּלענער ער מאַכט, אַלץ אומדערטרעגלעכער ווערט פאַר געניאַן צו טראָגן אין זיך דעם שווערן סוד. זי בויגט זיך אונטער זיין שווערער משא. ווען זי וואָלט כאָטש געקאָנט זיך מיט עמעצן טיילן מיטן אומגליק. ווען ס׳וואָלט געווען משפּחה, זאָגט מען אויס דעם אמת. יידן האָבן אָבער היינט נישט קיין משפּחה. זאָל זי דערציילן. פאַר פריינד? ס׳וואָלט איר מסתמא לייכטער געווען איבערצוטראָגן. אויסדערציילן פאַר אַ נאָענטן מענטשן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, איז ווי אַ געשריי ווען ס׳טוט שטאַרק וויי. אין לאַגער האָט מען נישט געטאָרט שרייען ווען מ׳האָט געשלאָגן. ווען מ׳האָט געקריגן אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן, האָט מען געדאַרפט דערשטיקן אין זיך דעם געשריי נישט צו באַקומען נאָך א זעץ. איר האָט זיך יעדעס מאָל געדאַכט, אַז אַ געשריי, וואָס איז געבליבן שטעקן אין האַלדז, וואָלט געלינדערט דעם ווייטיק. איצט דאַכט איר, אַז דאָס דערציילן וואָס ס׳האָט זיי געטראָפן וואָלט פאַרלייכטערס איבערצוטראָגן דעם קלאַפּ. ווי אַזוי אָבער זאָגט מען אויס דעם שרעקלעכן סוד? צי וועט עס נישט דערגיין צום קראַנקן? פון אַן אומגעלומפּערט וואָרט, פון אַ בליק קאָן ער זיך אָנשטויסן. זי ווייסט, זי ווייסט, איזאַק וואָלט בעסער געוואָלט וויסן דעם אמת ווען ער וואָלט געהאַט עפּעס אַ חשד. ער וואָלט זיכער געוואָלט זיך צוגרייטן צום צעשיידן זיך מיט דער וועלט, מיט איר. ער וואָלט זיכער געהאַס אַ סך זאַכן

איר אָנצוזאָגן איידער ס'וועט צו שפעט. יאָ, ער וואָלט מסתמא געוואָלט וויסן דעם גאַנצן אמת. צי וואָלט אים אָבער דער אמת נישט פאַריאָמערט און פאַרסמט די לעצטע טעג און וואָכן? צי נישט בעסער די קורצע צייט, וואָס בלייבט אים צו לעבן זאָל זיין מיט אַן אילוזיע? מיט שיינע פלענער אויף שפּעטער?

* * *

די שיינע פלענער האָט איזאַק אין גיכן אויפגעהערט צו מאַכן. די חולאת האָט אים אַלע מאָל מער גענומען אין אייזערנעם קלעם. די איינשפּריצונגען האָבן אַלע מאָל וויינקער פאַרטריבן די יסורים. ער האָט אָנגעהויבן פילן ווי דאָס לעבן רינט אויס פון אים. ער האָט זיך דערמאָנס ווי מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַן עדות פון אַזאַ ראַפּטאָוונעם אויסרינען פונעם לעבן ביי זיינעם אַ פריינד. מ'האָט דעמאָלט אויך נישט אויסגעזאָגט דעם אמת. נאָך אַלעמען האָט מען זיך ערשט דערוווּסט. ער איז צוגעשטאַנען צום דאָקטער מיט פראַגן:

— זאָגט מיר דאָקטער, וואָס איז דאָס פאַר אַ חולאת? ס'איז אמת אַז א ניי־פאָרמירטער געשוויר?

אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך געבעטן:

— דאָקטער, איך וויל לעבן, איך וויל נישט שטאַרבן. כ'בין איבערגעקומען אוישוויץ. כ'האָב זיך אַליין, מיט מיין אויסהאַלטעוודיקייט, מיט עקשנות געראַטעוועט. ראַטעוועט איצט איר מיך.

ער האָט אויפגעהערט צו שטעלן אַזעלכע פראַגן, צו בעטן זיך. ער האָט אַלע מאָל מער פאַרשטאַנען, אָבער געמאַכט זיך נישט פאַרשטיין. צו וואָס אָנטאָן נאָך אַ גרעסערן עגמת־נפש געניאַן? איצט האָבן זיי ביידע אויסבאַהאַלטן: זי, ער זאָל נישט וויסן דעם אמת, ער, זי זאָל נישט וויסן, אַז עש שטויסט זיך אָן דעם אמת. ער מוז אויך אויסבאַהאַלטן פאַר די, וואָס קומען אים מבקר־חולה זיין. אַז געניאַ האָט פאַר קיינעם נישט דערציילט איז פאַר אים קיין ספק נישט. ער קען זיין וווייב, זי קאָן האַלטן אַ סוד. זי איז אויך אין דעם פאַל גערעכט. צו וואָס זאָל מען קוקן אויף אים ווי אויף אַזעלכן פאַר וועמען ס'קאָן שוין קיין רעטונג נישט זיין?

און פאַרט איז אים דאָס וואָרט רעטונג אַלע מאָל אָפטער געקומען אויפן זינען. אפשר יאָ פאַראַן אַ רעטונג? צי גייט דען אַלץ אזוי כדרך־הטבע? ער האָט שטענדיק געהאַט אַן אָרגאַניזם, וואָס מ'האָט באַוווּנדערט. כדרך־הטבע האָט ער אַ סך מאָל געדאַרפט שטאַרבן פון הונגער, פון קלעפּ, פון קעלט. ער איז ווינטער געזעסן אין אַ קאַלטן, נאַסן, פינצטערן קאַרצער 9 טעג אַ פאַרהונגערטער, אַ פאַרפרוירענער. נאָך צוויי טעג, האָט ער געטראַכט, וועט ער קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. ער האָט אויסגעהאַלטן. ער האָט געקריגן 20 שמיץ אויפן הוילן לייב; ביי די ערשטע שמיץ האָט ער געפילט ווי ער בלוטיקט, ביי יעדן ווייטערדיקן האָט ער געמיינט אָט־אָט האַלט ער מער נישט אויס, דער אָטעם שטעלט זיך אָפּ. ער האָט אויסגעהאַלטן. די קאַצעטלער האָבן זיך געוויצלט איבער אים: ער בלייבט יעדעס מאָל לעבן דורך אַ נס. אפשר... אפשר וועט דאָס מאָל אויך געשען אַ נס? די דאָקטוירים גלויבן זיכער נישט אין נסים. געניאַ אויך נישט.

ער האָט אָפּגעוואַרט ווען געניאַ איז נישט געווען אין צימער. דאָס רייסעניש אין לייב האָט נאָך די איינשפּריצונגען געהאַט אָפּגעלאָזט. ער האָט געפרעגט דעם דאָקטער:

— איר בלויבט, דאָקטער, אין נסים?

דער דאָקטער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף אים און גוטמוטיק געשמייכלט.

— איך פאַרשטיי, איר גלויבט נישט. איך גלויב יאָ. ס'הייסט כ'האָב געגלויבט. כ'בין אַ סך מאָל געבליבן לעבן נישט כדרך־הטבע, דורך... דורך נסים. וואָלט איך געוואָלט וויסן

אויב... אויב ס׳זאָל קיין נס נישט געשען, אויב ס׳זאָל יאָ זיין כדרך־הטבע, אויף ווי לאַנג...? ס׳איז מיר פאַרבליבן פון דער גאַנצער משפחה אַ ברודער, כ׳וויל אים זען; אויף ווי לאַנג האָב איך נאָך...?

דער דאָקטער איז צוגעוווינט געווען צו זיינע שאלות, ער האָט זיך פאַרט אויף אַזאַ שאלה נישט געריכט. ער האָט געענטפערט ווי שטענדיק מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— זאָגט מיר, דאָקטער, אויף ווי לאַנג...?

— אַ דאקטער איז נישט קיין גאָט.

געניאַ איז אַריין אין צימער. איר אויער האָט עפּעס וואָס אויפגעכאַפּט. מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט די בליקן. זיי האָבן זיי באַלד פון זיך אָפּגעריסן. אַ בליק גיט אויס.ביידע האָבן זיך נישט געוואָלט אויסגעבן.

ס׳איז אים באַפאַלן אַ גאַגנדיקע בענקשאַפט צום ברודער אין ישראל. ער איז צוגעשטאַנען צום ווייב זי זאָל טעלעפאָנירן ער זאָל וואָס גיכער קומען. ער האָט אַלע מאָל מער געטראַכט וועגן אומגעקומענעם קינד. וויפל וואָלט ער היינט אַלט געווען? ער וואָלט שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש, ער וואָלט איצט געווען נעבן אים. זאָל דער ברודער כאָטש זיין נעבן אים.

דער ברודער האָט אים שוין געטראָפן אַן איבערגעפירטן אויפסניי אין שפּיטאָל. ער האָט זיך געוועלט. ער האָט מורא פאַרן שפּיטאָל. מ׳האָט אים איינגערעדט: מ׳וועט אים נאָך אָפּערירן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן. זאָל נאָר דער ברודער וואָס גיכער קומען.

ער האָט דעם ברודער דערקענט, דער ברודער אים נישט. ער האָט שוין קוים גערעדט, די ווערטער זענען שוין שווער דורכגעגאַנגען דורכן האַלדז, ער האָט געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש זיך אַראָפּצורעדן פאַרן ברודער:

— כ׳האָב מורא געהאַט זאָלסט נישט קומען צו שפּעט, מורא געהאַט וועסט פאַרשפּעטיקן, איך... איך... כ׳האָב אַלץ פאַרשפּעטיקט, פריער פאַרשפּעטיקט רעכט צו לעבן... פאַרשפּעטיקט צו פאַרענדיקן די זכרונות...

— וואָס ווילסטו כ׳זאָל פאַר דיר טאָן? וואָס וואָלסטו געוואָלט...?

— כ׳וואָלט געוואָלט... לעבן... כ׳וואָלט געוואָלט...

דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Av., Apt. 7 • L.A. CA 90049

Phone: (213) 820-2976 פאַרוואַלטונג „חשבון“

# א הסתדרות
# אניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

— פון דער —

## ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָריטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. אוירווין קורצמאַן, פּרעזידנט
אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

**שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:**

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................

Address..........................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..........................................................

Date........................Signature of Applicant..............................

חיים פלאָטקין/ ניו־יאָרק

## אַ גרוס פון ניו־יאָרק

מיך שרעקט אַ יעדער שאָרך און קלאַנג —
מיין היים, ניו־יאָרק, איז פאַרדזשאָנגלט געוואָרן;
אפשר אין אַ געפּאַנצערטן טאַנק
וועל איך דערלעבן די באַשערטע יאָרן.

אויף גאַסן און געסלעך — בלאַנק פון מעסער,
איז ווען אַזאַ צופאַל פרעמד?
כאָטש אויף די קעשענעס הענג אָן שלעסער,
און די שליסלען קייטל צו די הענט.

און פיר מיט זיך אַ הונט ווי אַ בער —
ער זאָל זיין דיין היטער,
און אָנטאָן אַ פעלערינע, פאַרבאָרגן געווער,
פאַר פרעמדן שאָטן וואָס וועקט אין מיר אַ ציטער.
איך ווייס: ס׳טויג אויף כפּרות מיין פּלאַן,
און ס׳העלפן נישט קיין פּלענער —
איך מוז זיך היטן אויף יעדן שפּאַן
וואָס קען מיך מיטן מלאך־המוות באַקענען.

## פּאַרוואָס

ס׳טרעפט: אין מינוטן איז גרינג דעם טאָג צו וועגן;
נישט זעלטן כ׳שלעפּ דורך אַ טריבן טאָג.
נאָר נישט כדאי ביי גאָט קיין שאלות פרעגן —
אַזא חשבון וועגט מען נישט אויף קיין וואָג.

איך פּרוּוו אַנטלויפן פונעם רעש, נאָענטן און וייטן.
ווען כ׳בין אין זיין פּלען
און געשמידט אין קייטן,
איך וויל היינט דעם מאָרגן זען...

איך גאַר נאָך שטילקייט, ווי טרוקן פעלד נאָך רעגן־גאָס,
דעם זייגער־גאַנג נישט היטן, נישט מעסטן,
נישט פרעגן ביי די זיידעס "פּאַרוואָס
אונדזערע פייגל אַנטלויפן פון די נעסטן"?...

משה שקליאַר

## זאָל ווערן באַרג

ווייסע האָר
און רויטע בערד
געטעסעטע אין שטיין
אין בלויער שיין
און גאָלד־באַזוימטע
פון דער זון
שטייגן אויף
פון סאַמע אונטערערד
און רייסן זיך
אַלץ העכער
העכער
ווי צום הימל שפּאַלטן

באַלד וועט די פייערדיקע קויל
זיך הינטער זיי
באַהאַלטן
און אַ שטערנטוך
וועט ברייט צעפּעכערט
איינהילן די בערג
וואָס עמיצער האָט
אפשר אויף קאַטאָוועס
אָנגערופן
מיט די נעמען דריי
פון מיינע אבות

* * *

ניין, עס איז נישט אויסגעשלאָסן
קאָן זיין זיי האָבן דאָ
געוואַנדערט טאַקע
מיט שאָף און רינדער
ווייבער קינדער
און שטורעמדיקער ים
האָט שפּעטער
יעדן שפּור פאַרגאָסן

קאָן זיין אַז טאַקע דאָ
האָט מען דעם אורפאָטער אברהם
אין קאַלכאויוון געוואָרפן
און פון יענעם פייער
און פון יענעם וואַסער
האָט די צייט
די קיין מאָל נישט פאַרגייענדיקע
די שטענדיק זיך באַנייענדיקע
אויסגעקריצט

אינעם זיכרון פון אַרום
די ווייסע און די רויטע
און די ברוינע
בערג
און אפשר גאָר
האָט ער אַליין
נאָך דעם יהי אור
אַ רוף געטאָן
זאָל ווערן באַרג
און ס׳איז געוואָרן

* * *

מיט זון — מיין רוקזאַק
אויף די פּלייצעס
איך נידער אַלץ און נידער
צום ברעג
פון קאָלאָראַדאָ־ריווער
און מיך באַגלייט
אַ קאַראַוואַן
פון ווייסע און פון גרויע
בערג
ווי הויקערדיקע קעמלען
דורשטיקע נאָך שאָטן
באַלד וועלן מיר צוזאַמען
די פיס אין קאַלטן וואַסער
טונקען
און אָפּגעפרישטע
לאָזן זיך צום ווייטן בלוי
וואָס מיניעט זיך אַנטקעגן

* * *

די מאַמע מיטן קינד
אויף אירע הענט
האָט קיינער נישט געטעסעט
אינעם שטיין
דאָס האָט יאָרטויזנטדיקער ווינט
פאַרקעמט די לאַנגע האָר
און שלאַקסרעגן האָט זיי געצוואָגן

קאָן זיין עס האָט אַזוי
אַ מאַמע
איר קינד געטראָגן
אינצווישן געטאָ־פייער
און אַ פאַרגליווערטע

זשאַק בורשטין־פּינער / פּאַריז

# אַ קינד דערציילט...

כ׳וויל דערציילן וועגן ״פּאַרכישופטן שלאָס״ פון דער קינדער־היים, ווו ס׳האָט געלעבט און לעבט נאָך ביז היינט דער נאָמען פון דער גוטער מאַמע העלענע. אַלע קינדער פון יתומים־הויז האָבן זי גערופן ״מאַמע העלענע״ און געטוליעט זיך צו איר.

כאָטש זי איז געווען אַ פריילעכע, האָט פון איר פּנים געשיינט אַ שטילער טרויער, עפּעס אַ בענקשאַפט האָט אַרויסגעקוקט פון איר בליק.

געקומען אין ״פּאַרכישופטן שלאָס״ בין איך אין אַ טריבן פרימאָרגן. דער הימל איז געהאָנגען ווי בליי. אָבער פּלוצים האָב איך דערהערט זינגען, קינדער זינגען. און אַלט געווען בין איך אין גאַנצן צען יאָר. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין גרויסן זאַל, און כ׳האָב דערזען די קינדער, אויסגעזעצט אַרום דער ״מאַמע העלענע״, און זיי האָבן געזונגען אין כאָר. עטלעכע שורות געדענק איך נאָך ביז היינט:

שוואַלבן קומען צו שוועבן,<br>אין שיינעם, זוניקן שיין,<br>מיט געזאַנג פאַרן לעבן,<br>וואָס צויבערט די וועלט מיט חן.

א ניגון צוזאַמען וועלן מיר זינגען,<br>לאַכן ביזן טאָג אריין.<br>לאָמיר זיך צוזאַמען פרייען<br>און דאָס וועט אונדזער מתנה זיין.

מערי — אַזוי האָט מען מיך גערופן. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, ווייל דאָרטן, העט ווייט, אויף דער פאַרשאָלטענער ערד פון טרעבלינקע, ווו מ׳האָט מיך אויסבאַהאלטן אין לעכער, אין וועלדער, האָב איך גאָר געהייסן מינקאַ, צינקאַ, סטאַכאַ. ווער געדענקט דען די אַלע נעמען?...

דאָ, אין ״פּאַרכישופטן שלאָס״, ווי די קינדער פון דערשאָסענע און דעפּאָרטירטע עלטערן האָבן עס אַ נאָמען געגעבן, איז געווען א גרויסער פּערסאָנאַל, צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג. כ׳געדענק דעם גוטן שלום, וואָס די גרויסע האָבן אים גערופן זשילבער; שטענדיק אַ לאַכעדיקער, אפילו אַ שטיפער. אין ביוראָ, ביי זיינע פּאַפּירן, איז ער אָפּט געווען פאַרזאָרגט.

---

געבליבן שטיין<br>ווישנדיק די לעצטע טרער<br>פון אַ דערשטיקט געוויין

ווי קומט זי דאָ אַהער<br>די מאַמע<br>מיטן קינד<br>אויף אירע הענט<br>ווי קומט זי דאָ אַהער<br>אין דער פאַרלאָזטער שטאָט<br>פון זאַמד־און שטיינער־ווענט<br>וואָס גאָט אַליין האָט זי פאַרגעסן

באַלד נאָכן באַשאַף

קאָן זיין זי האָט פאַרוואַנדערט<br>דאָ מיט מיר צוזאַמען<br>די מאַמע<br>מיטן קינד<br>אויף אירע הענט<br>וואָס גייט מיר נאָך<br>אויף אַלע וועגן

פאַרשריבן אין די קעניאָנס<br>פון די מערב־שטאַטן,<br>זומער 1989.

די ״מאַמע העלענע״ האָט מיך געטוליעט צו זיך און געפרעגט, צי איך געדענק מיין מאַמען.

— ניין — האָב איך געזאָגט — כ׳האָב קיין מאָל קיין מאַמען נישט געהאַט. אפשר האָב איך זי פאַרלוירן, ווען כ׳האָב נאָר וואָס געעפנט די אויגן. מען זאָגט, אַז קינדער זעען נישט דעם ערשטן חודש, ווען זיי ווערן געבוירן. אפשר וועל איך זי שוין קיין מאָל נישט געפינען, מיין מאַמען.

כ׳בין געווען אַ שוואַכינקע, מיט פיבערדיקע אייגעלעך, פול מיט שרעק. אין אָוונט, ווען די ״מאַמע העלענע״ פלעגט דורכגיין די שלאָף־צימערן, זען צי אַלע קינדער שלאָפן רואיק, האָט זי זיך לענגער פאַרהאַלטן ביי מיין בעטל.

— מערי, פאַרוואָס שלאָפסטו נישט? — האָט מיך געפרעגט די ״מאַמע העלענע״.

— כ׳האָב מורא. ווי נאָר כ׳מאַך צו די אויגן, זע איך שלעכטע מענטשן. זיי יאָגן זיך נאָך מיר, ווילן מיך כאַפּן, דערהרגענען. זיי וויסן, אַז כ׳בין א יידישע...

די ״מאַמע העלענע״ האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיין שטערן, צו פאַרשטעלן די נאַכט פון שרעק.

— האָב נישט מורא, מערי — האָט זי געזאָגט — דאָ זענען אַלע קינדער יידישע. מען זאָרגט פאַר זיי. מען האָט זיי אַלעמען ליב.

— אָבער איך האָב דאָך נישט קיין מאַמע...

מיין הערצל האָט שטאַרקער געקלאַפּט, און כ׳האָב געשעפּטשעט:

— כ׳וואָלט געוואָלט ווידער געבוירן ווערן, האָבן אַ מאַמע פאַר זיך אַליין. אַ וויגעלע, און א מאמע זאָל מיך פאַרוויגן מיט אַ לידל, אַ יידיש וויג־לידל...

אַזוי לעב איך, אין אַ צעריסענער וועלט — גורל, מזל, פאַטאַליזם.

אָבער די קליינע מערי בליט אויף ווי א בלום אין פרילינג, ווי א שניי־גלעקל, צווישן ווילדע גראָזן, אויסגעוואַרעמט אונטער די פליגל פון דער ״מאַמע העלענע״. אירע קינדער־דערינערונגען זענען — פייער־פויגלען, פלאַמען און רויך פון קרעמאַטאָריעס.

דאָרט האָב איך פאַרלוירן דאָס, וואָס מען קען נישט צוריק געפינען. דאָך קומט אַ מאָל ביינאַכט, מיט באָרוועסע פיס, אַ חלום. עס טאַנצן אַרום באַלערינעס, געהילט אין בלוי־ראָזע וואָלקנדלעך. זיי שוועבן פאַרביי מיר. אָט שטרעקן זיי אויס זייערע הענט און אָט שטויסן זיי מיך אָפּ.

דערפאַר קען איך זיך ראַטעווען אין די נעכט פון די שאָטנדיקע וויזיעס און קאָשמאַרן, וואָס רינגלען אַרום אונזער ״פאַרכישופטן שלאָס״. ווי איך וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן בויך פון אַ לייבעכע, ווי די ״מאַמע העלענע״ האָט עס מיר דערציילט. דאָס איז מיין נס, ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן.

אַזוי האָט מערי געלעבט אין איר אייגענעם קליינעם אוניווערז; אַ וועלט אַ פאַנטאַסטישע, מיט זומער־פלאַטערלעך, מיט מולטי־קאָלירן פון אַ רעגנבויגן. זי האָט מער נישט געוואָלט געדענקען די שוואַרצע וואָלקנס אונטערן פינצטערן הימל, די ברענענדיקע פייגל, וואָס טראָגן טויט אין זייערע שנאָבלען איבער וועלדער, פעלדער, פאַרשטעלן דאָס ליכט פון דער זון.

די ״מאַמע העלענע״ איז אָבער געווען באַלאָדן מיט שווערער אַרבעט, האָט באַדאַרפט זיין אַ מאמע פאַר אלע קינדער אין ״שלאָס״; חוץ אירע אייגענע צוויי קינדער, וואָס שפּילן זיך דאָ צוזאַמען מיט אַלע קינדער. איז איר אומעטיק געווען, מערין.

זי האָט זיך איינגעהערט אין דער געהיימער שפּראַך פון די ביימער, ווען זיי רוישן, ווען דער ווינט שפּילט אויף זיין פאַרכישופטן פלייט. זי איז זיכער, אַז יעדע בלום, יעדעס ווערעמל, דאָס ברוינעהינטל, וואָס זי האָט עס אַזוי ליב, באַרייכערן איר לעבן. אויך די קנאָכיקע ביימער־צווייגן, ווי פינגער פון פאַרבראָכענע הענט, זאָגן תפילה. דאָס ליכט, וואָס צאַנקט אין פענצטער, שווייגט.

עפּעס געשעט ווידער אויף דער וועלט. דאָרט, העט ווייט, איבער צעשטורעמטע ימען, ראַנגלען זיך יידן אויף די שיפן צווישן לעבן און טויט. קיינער וויל זיי צו די ברעגן נישט צולאָזן, ווי קרעציקע. זיי זענען פאַראורטיילט אונטערצוגיין. אָבער ס׳וועט געשען אַ נס. די פאַרברענטע יידישע אותיות, די פאַרברענטע יידישע קינדער וועלן רייטן אַנטקעגן דעם דערלייזער. זי אַליין איז דאָך געוועז באַהאַלטן אונטער אַ באַרג צעבראָכענע קינדער־שפּילצייג, איינגעהאַלטן דעס אָטעם, קיינער זאָל נישט דערהערן, אַז זי לעבט. זי וואָלט געוואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רויט פּישעלע אין אַ גרינעם סלאָי. דעם אַקוואריום זאָל אַ פרוי איינהאַנדלען און אַוועקטראָגן אים אין איר היים...

און די קליינע מערי האָט זיך פּלוצים אויפגעריסן פון קאָשמאַר, אַ האַלב נאַקעטע אַראָפּ פון בעטל, איבער שטאָקן און שטיגן, צו דער ״מאַמע העלענע״, אַריינצופאַלן אין אירע אָרעמס. זי האָט זיך דערפילט גליקלעך אין ״פאַרכישופטן שלאָס״, ביי דער זייט פון דער ״מאַמע העלענע״. די זון שיינט אויף, זי ווערט אָבער טייל מאָל פאַרשטעלט פון שווערע וואָלקנס. איר האָט זיך מיט אַ מאָל געדוכט, אַז זי איז שוין אַלט. אַז זי האָט שוין אַזוי פיל איבערגעלעבט.

אָבער ווי אַזוי איינפלאַנצן אָפּגעהאַקטע וואָרצלען אין אַ נײַ לעבן ? זי הערט נאָך דאָס געשריי פון דער מאַמען, וואָס איר קינד איז געטויט געוואָרן פאַר אירע אויגן דורך די שטיוול פון אַן ס.ס.־מאַן. אַזוי איז יעדעס מאָל אַ בילד אויפגעגאַנגען און פאַרלאָשן געוואָרן.

עס זענען אַוועק טעג און נעכט. דורך די נעכט האָט אַ ווינט געשמיסן מיט רעגן־בייטשן אין די שויבן. כאָטש דער באַגינען האָט מיט די שטראַלן ווי אָפּגעווישט די טרערן פון דער נאַכט. איר צוקאָפּנס איז געשטאַנען אַ פערדל פון ליים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. די קליינע מערי האָט געפיבערט, געפילט ווי זי פאַלט אין אַ פינצטערן תהום.

צומאָרגנס האָט מען דער קליינער מערי איבערגעפירט אין א באַזונדער צימער פאַר קראנקע. אירע אויגן האָבן געגליט. ס׳איז געווען אַ טרויעריקער פרימאָרגן. זי זעט ווידער די קאָשמאַר־וויזיעס, שוואַרצע פייגל פון אוישוויץ טרייבן קינדער אין די גאַז־קאַמערן...

אַלע געביידעס פון ״שלאָס״ פאַר די קינדער פון דעפּאָרטירטע עלטערן שטייען שטום, אויסגעלאָשן. די שויבן קוקן בלינד. און די קליינע מערי האָט שוין מער נישט געזען די ״מאַמע העלענע״...

מיט דער צייט זענען זיך די קינדער צעפלויגן פון ״שלאָס״, ווי די פייגל אין האַרבסט. דער ״מאַמע העלענעס״ צוויי זין זענען שוין אַליין אויך טאַטעס פון קינדער. דער ״שלאָס״ ליגט אין שווייגן, ווי פאַרגעסן. אָבער די קליינע מערי קומט דאָ אַהער אין טאָג פון יזכור, צינדט אָן אַ ליכט ביים בילד פון דער ״מאַמע העלענע״, די מאַמע פון אַזוי פיל קינדער.

## סובווענץ פון גאָלדאַ מאַשאַ פלאָטקין־פונדאַציע

די ״גאָלדאַ מאַשאַ פלאָטקין־פונדאַציע״, עטאַבלירט פון דעם דיכטער און דערציילער חיים פלאָטקין און זיין פרוי עוואַ, האָט אויסגעטיילט די היי־יאָריקע סובווענץ צום דיכטער חנן קיעל, ווי אויך צום דיכטער און רעדאַקטאָר פון ״חשבון״ משה שקליאַר.

די פלאָטקין־פונדאַציע העלפט יידישע שרייבער אַרויסגעבן זייערע ביכער.

ישראל גובקין

# דריי האָבן געזערט

(מיניאַטורן)

## שנעל לעבן

— ווו איז דאָס שנעלסטע לעבן?
— אויף דער בינע.
— ניין.
— אויפן קינאָ־אָדער טעלעוויזיע־עקראַן.
— ניין.
— טאָ ווו דען?
— אינעווייניק ביי מיר, ביי דיר.
— ביי מיר, למשל, ערגעצווו אין די טיפענישן פון מיין זיין, שפּראָצן אויף טויזנטער לעבנס; שפּראָצן אויף און וויאַנען יעדע מינוט, יעדע סעקונדע, יעדע זעכציקסטל סעקונדע. דעריבער איז מיין פּנים אַזוי אָנגעשטרענגט, אַזוי בייז ווי אַ ווולקאַן וואָס שרפעט, קאָכט און זידט אינעווייניק — אין די אָפּגרונטן פון זיינע גיהנומדיקע געדערים; אויסנווייניק אָבער איז ער שטיל, פאַרברוגזט.. אַ וואָלקן, אַ געלב־גרויער, רוט אויף זיין אימהדיק־צעלעכערטן קאָפּ.

## אין יענער נאַכט

די זון האָט זיך דעמאָלט צעשטראַלט אין מיטן דער נאַכט, אַרום חצות. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, פון פרייד זיך צעלאַכט, און געלאָזט זיך גיין.

שטיל איז די גאַס געווען, פאַר׳יצירהדיק שטיל. כ׳האָב אַפילו מיינע אייגענע טריט ניט געהערט.

די זון האָט זיך געדרייט אַרום זיך ווי אַ ריזיקע, פייערדיקע, קאָלירפולע ראָד; הימל־בלוי, גראָז־גרין, רויזן־רויט, שניי־ווייס האָבן אַרומגעטאַנצט אין זון־ראָד, געמיניעט זיך איינס אין אַנדערן; געמישט, צעשיידט און ווידער געמישט...

די גאַס איז געווען פאַר׳יצירהדיק שטיל.

בין איך געגאַנגען מקבל־פּנים זיין די מיט־נאַכטיקע זון, פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, גיך, גיכער, ביז כ׳האָב זיך צעטאַנצט אין מיטן גאַס.

אוודאי האָב איך געוואָלט טאַנצן מיט אימיצן; איז קיינער ניט געווען. האָב איך דבקהדיק געטאַנצט איינער אַליין...

ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. דער אַרום האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געקריצעריי, מיט אַ בראַזג; מיט קינדער־געוויין, מיט פאַרדומפּטן גערודער, מיט פאַרזאָרגטן טריט־געאייל.

די שפּיל, האָב איך געזען, איז פאַרביי. האָב איך איבערגעלאָזט די אויפגעוואַכטע, וואָכיקע גאַס און געשפּרייזט געאייליק אַ היים; איינגעדרימלט און געשלאָפן ביז נאָך האַלבן טאָג.

ביי׳טאָג איז די זון געווען איין שטיק מאַט קופּער־פייער און געקוקט אויף מיר ווייט און פרעמד; ווייזט אויס זיך פאַר מיר געשעמט, וואָס זי מוז נעבעך דינען אַזאַ שפּלדיקער, קאָלירלאָזער וועלט...

**חנן קיעל/** ניו־יאָרק

# אוראַל

גרוי־געהילטער נעפּל, אומעטיקע בערג אוראַלער,
פייגל־פּיַין פאַרקלעמט אין אינגעווייד פון ראָסט און ליים;
באַנאַנד מיט דיינע קינדער כ׳וועל דאָ הונגערן און פאַלן,
נאָר אַליינזאַם חלומען פון מיין שטעטלדיקער היים.

אָסיענדיקער ווינט־געוווי איבער הויקערדיקע הייכן,
ווער הערט ס׳געשריי פון יענעם שווער־פאַרוווּנדיקטן גיגאַנט;
ווּהין מיין וואַנדער־גורל אין שיגעון־צייט וועט אַלץ נאָך גרייכן,
ווער ווייסט צי איז דאָס כאָטש מיין לעצטע גרעניץ־וואַנט.

אוראַל, אין רויטן מעריב־ראַנד צעפּרוירענער מאַגניט,
אָדלערס ווילד געשריי פון בלוט, מעסער־שניידנדיקע קעלטן,
אַזוי אָ שרייט געהיים צו גאָט מיין האַלב־דערוואָרגן ליד,
פאַרהפקרט ערגעץ ברענען מיינע נישט־געשיצטע וועלטן.

---

## אַ מאָנאָלאָג פון אַ קריע אייז

געוועזן בין איך אַ מאָל אַ טייל פון אַ מאַכטיקן אייז־באַרג, באַדעקט מיט ווייסן, פינקלדיקן שניי. צפון־פייגל פלעגן שוועבן איבער מיר, שפּרינגען און פרייען זיך אין די מיסטישע קרוין־שטראַלן פון דער האָריזאָנטאַלער, צפונדירער זון. פלעגט די זון פאַרזונקען און די לאַנגע נאַכט פלעגט קומען, פלעגן זיך אויף מיר שפּילן די סודותיקע צפון־ליכטער. ווייסע בערן, גבורהדיקע, פלעגן אויף מיר אַרומפּויזען, און באַזינגען די נאַכט מיט זייער גרילצעדיקן געברומעריי.

היינט בין איך אַ קריע אייז, אָפּגעריסן פון באַרג. כ׳וואָגל אַרום היימלאָז איבערן צעשטורעמטן ים.. יעדן טאָג, יעדע נאַכט ברעכן זיך שטיקלעך פון מיר; קרישלען זיך, און ווערן פאַרמישט און צעמישט מיט די פלייצנדיקע שטראָמען און אונטער־שטראָמען.

צו ערשט פלעגט עס מיר ווײ טאָן, זעענדיק ווי איך — מיין זיין — ווערט צעשמעטערט אויף פּיץ־פּיצלעך, און אָט פאַרשווינד איך אין גאַנצן. אַצינד בין איך גלייכגילטיק און צומאָל צופרידן. סוף־כל־סוף קער איך זיך צוריק צום מקור — צום ים. כ׳ווער צוריק אַ טייל פון נצחדיקן אָקעאַן, וואָס שטראָמט און שטורעמט, און ברויזט פול מיט אוראַלטע כוחות פון קיין מאָל נישט שטאַרבנדיקער יוגנט...

## שבת

כ׳דאַנק דיר, גאָט,
פאַרן טאָג שבת
דעם גוטן;
פאַר די חסדפולע
שעהן, מינוטן.

בלויע פייגל שטילע,
ווי שאָטנס קילע,
שפּילן זיך,
און שפּיגלען זיך
אין גרינעם,
גראָזיקן טעפּיך,
און פרייען זיך
מיט שבת
ווי איך.

אויף דיינע דרעמלדיקע בערג אוראַלער פרירן
אין זאַווייען מיינע נעכט פאַרוואָגלטע נאָך היינט;
מיט בלויע הענט זיי קלאַפן אין די צוגעפראַלטע טירן:
דאָס בין איך, פון פוילן, אַ וואַנדלדיקער חלום־פריינד.

## מאָנטעזומאַ

אין ווייך־פאַרשיכורטן רויטן דעמער
גליט דער בראָנזענער שלאָף פון נעכטיקן שבט;
בלוט־רויזן אויף די פעלזן פלאַקערן,
פון די תהומען קנוילן זיך רויכיקע געטער,
טיטאַנען מדברדיקע הייסע
שטייען אויף תחית המתים.

אין אָראַנזשענעם האַרץ פון גלאָקן־קעניאָן
זינגען לעגענדעס פון נעכטיקן שבט,
וואָס די כּישוף־היילער אין פעדער־קרוינען
טרויעריק דערציילן:
גלגולים, ראַטל־שלאַנגען סטראַשען אין די היילן.

אין ווייך־פאַרשיכּורטן רויטן דעמער
איך קלעטער אַרויף אויף שטיגן קרומע
פאַרויכערן די שלום־פייקע
מיטן דרעמלדיקן מאָנטעזומאַ.

## איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג

**1.**

וועלדער נעפּלדיק־געדיכטע אין פאַרטשאַדעטן זכּרון
וואָלקן־רויך פאַרסודעט מיר דעם איינגעקלעמטן ניגון
חלום־יאָדלעס פלוישן אין מײַנע שׂמחה־יאָרן
עכאָס הוילע, פאַרשווונדענע אַמאָלן
געוויין פון הונגעריקע בערג־סאָקאָלן.
אין פאַרנאַכטיקן אַליין־זײַן שטאַרן מיינע דעמערדיקע
יונג־פאַרליבטע בערג און טאָלן.
אָ, טאַטראַ־לאַנד, אין דײַנע אָוונטיקע רויך־קנוילן
גייט אויף מײַן קרבן־מנחה אין פאַרצערטן פוילן.

2.

זאַקאָפּאַנע, זאַקאָפּאַנע, קרוין פון מיינע ערב־לידער
מיט גוראַלעס, הימל־קלעטערער, אויף מיין חלום־שטריק
כ'בין אַרויף און נישט אַראָפּ צוריק
אין בלויען נעפּל אַ מאַמע כ'האב דערקענט פאַרהוילן
מיט איר קינד געאָרעמט
שיר למעלות, אשא עיני אל ההרים...

לאָטי פּ. מלאך

# אַ תּכלית

## (דערציילונג)

דער האַרבסט איז געווען אַ דויערהאַפטער, מיט גאַנצענע וואָכן גאָלדענע טעג. דאָס האָט ס׳דאָרף אויפגעהאַלטןביים מוט. די זון האָט זיך אין די פריע פאַרנאַכטן אַראָפּגעלאָזט מיט אַ צוזאָגנדיקן טאָג אויף מאָרגן. טייל מאָל האָט זיך דער הימל אָנגעצונדן און האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע דאָרף אין פלאַמען.

די פויערים האָבן פרי געמאַכט נאַכט. אַ האַרבסטיקע קעלט האָט געפרוירן די ביינער. קיין הרובע האָט מען נאָך ניט געהייצט און ס׳קאַפּ נאַפט איז געווען מיט גאָלד צו גלייך. האָבן שכנישע פויערטעס געטראָגן איינע פון די אַנדערע אַ פּאָר ברענענדיקע קוילן אין געלעכערטע טעפּלעך, צעלייגט אויפן פריפּעטשיק מיט אַ פּאָר שפּענדלעך אין אַ פייער און אָפּגעקאָכט: ווער אַ ביסל קאַרטאָפל, ווער אַ שטיקל מאַמעליגע און ווער אַ ביסל "זאַטערקע" (אַ שיטערס פון מעל). די פויערים האָבן פאַרשפּאַרט די בהמות אין שטאַל, זיי דערלאַנגט ס׳ביסל היי אין דעם לייטער אַריין און אויסגעמאָלקן — ווער עס האָט געהאַט וואָס צו מעלקן. זיך אָפּגעפּאַרעט, האָט מען אַרויסגעקוקט דורך די פיר־שייבלדיקע פענצטער צו דער אונטערגייענדיקער זון מיט אַ פראַגע און געבעט אין די פאַרזאָרגטע פּנימער: צי וועט גאָט רחמנות האָבן — ס׳זאָל כאָטש זיין שיין ביז נאָך די חגאות.

ביסלעכוויז האָבן זיך אָנגעהויבן שפּרייטן ווייסע פרעסטלעך אויף די פעלדער. ס׳דאָרף האָט ניט געזינדיקט; ס׳האָט פון טיפן האַרצן געדאַנקט גאָט: אַבי ניט קיין רעגנס, אַבי ניט קיין סלאָטעס (רעגן מיט שניי). מען איז נאַקעט־הויל; אין דער טריקענישט גיט מען זיך אַן עצה: איז נאָך אַ פּאָר שמאַטעס אַרומגעוויקלט.

סוף־כל־סוף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ קאַלטער רעגן, באַגלייט מיט אַ קויטיקן שניי. ס׳דאָרף האָט אַ ציטער געטאָן. אַ פּחד האָט אַרומגענומען יעדע כאַטע באַזונדער. קיינער איז האַיאָר ניט געווען פאַרגרייט. אַ חוץ אַ פּאָר געציילטע בעלי־גופים, האָט קיינער ניט פאַרמאָגט מיט וואָס זיך דעם ווינטער אַדורכצושטופּן.

אין די גוטע צייטן איז אין צווייטן דאָרף, אין לוקאָוועץ, געווען אַ גרויסע זעג־מיל, וואָס האָט באַאַרבעט די געהילצן פון די וועלדער. די סירענע פלעגט בלאָזן פינף אַ זייגער פאַרטאָג און צעניפּרופן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער, און ערשט זיבן אַ זייגער, אין די ווינטערדיקע אָוונטן, האָט מען זיי אָפּגעלאָזט אַ היים. נאָר דעם ווינטער, נאָך דער מלחמה, איז די סירענע פאַרשטומט געוואָרן און די זעג — פאַרגליווערט.

כ׳בין אַ וויינענדיקער ווידערקול פון יענעם ניגון\
זאַקאָפּאַנע, זאַקאָפּאַנע, אויף דיינע בערג כ׳בין אַמאָל געשטיגן.

.3

מיצקעוויטש וואַסער־פאַל מבולט אין מיין אימה־שלאָף\
גלעקלעך אין די האַליעס מונטערן די קליינע שאָף\
גאָלדענע פּאַוועס זוכן נעכטיקע טעג אין צויבער־טאָל\
פון די זיבן סטאַוועס:\
מיין פאַסטעך פייפל שלעפערט איין די אומעטיקע בערן\
אין "מאָרסקיע אָקאָ" קייקלען זיך אריין\
מיינע יונג־פאַרליבטע אָפּגענאַרטע שטערן.

נאָך מער ווי פאַר זיך האָט געשראָקן דער מאַנגל אין פאַשע פאַר די בהמות: — "באָזשע פּאָמאָזשע" (גאָט זאָל זיך מרחם זיין) דאָס איינציקע שטיקל קו זאָלן מיר כאָטש קאָנען דערהאַלטן.

איוואַן קוזיק איז פון דעם אַלעמען געוועזן אויסגעזאָרגט: ער האָט ניט געהאַט קיין קו, קיין פערד, קיינע שאָף און קיינע רינדער. אַ חוץ אַ צווילינג געלע הינדלעך, צוויי פּאַרגרינטע קינדער און אַ ווייב, האָט ער גאָרניט פאַרמאָגט וואָס זאָל בעטן עסן. אפילו באָיען, דעם אַלטן געטרייען הונט, האָט ער אויך אָפּגעפירט צו דער "גראַלניע" (ברויערײ) און האָט אים דאָרטן "פאַרגעסן"... נאָר באָיע איז ניט געווען קיין פוילער און האָט זיך אויף מאָרגן אומגעקערט צוריק אַ היים. דאָס איז שוין קוזיק ניט שולדיק געווען: — ער וויל פּגרן פון הונגער — זאָל ער. אָבער די ווייב מיט די צוויי קינדער זיינען אים געלעגן ווי אַ ביטערער עול אויף זיין קאָפּ, אַן עול וואָס איז אים אי שווער, אי נמאס.

מ׳דאַרף וויסן, אַז איוואַן קוזיק איז ניט פון די פּראָסטע פויערים. ערשטנס, איז ער גאָר ניט קיין פויער: אַז קיין פעלד האָט ער ניט, קיין וואַלד, קיין בהמות; איז ניט מער וואָס ער וווינט אין דאָרף. דערפאַר איז ער אָבער דער סאַמע ראָדנער אינטעליגענט צווישן די הוצולן. גייט אָפט צום "הויף", חברט זיך מיט יידן און רעדט דייטש. מ׳זאָגט אפילו אויף אים, אַז ער שטאַמט, אויף אַ ניט געזעצלעכן אופן, פון די פּריצים. איוואַן קוזיק נעמט זיך זייער שטאַרק איבער מיט דער סברה. ביים מיליטער האָט ער עס אפילו אָנגעגעבן אין יחוס. דערפאַר האָט מען אים טאַקע געמאַכט פאַר אַ קאָרפּאָראַל, און ווען די מלחמה ענדיקט זיך ניט אַזוי גיך, וואָלט ער נאָך געוואָרן צוגספירער אויך.

איוואַן קוזיק איז זייער אומצופרידן מיט די צוויי פּרעסערס — די קינדער, און דער ווייב? אַ פּראָסטע פויערטע, די ווייב זיינע, אַ הוצלקע פון די בערג. ווי קומט זי צו אים? זי האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן ליבן זומער ביי די פּריצים און האָט אפילו ניט פאַרזאָרגט געגנוג קאַרטאָפל אויפן ווינטער. דערפאַר גייט ער, קוזיק, טאַקע ניט אַרבעטן. פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג קאָן ער ניט שטיין אונטער יענעמס בייטש — שיקט ער זי מיט די קינדער.

פון דעסטוועגן, ווען ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער ערשטער נאַסער שניי און דער באַרג איז געשטאַנען אַ ליימיקער, ווי אַ קויטיקער בעטלער פאַר די פענצטער, און האָט געוויינט מיט גרויסע ריטשקעס אויף זיין האַרבסטיקן גורל, האָט זיך איוואַן קוזיק אויך אַ ביסל דערשראָקן. ער האָט אַ זייטיקן קוק געטאָן אויף דער ווייב, וואָס איז געזעסן אַ פינצטערע ביי דער קאַלטער הרובע, און אויף די צוויי קינדער, מיכאַיליק און סופיע. אין מיכאַיליקס אויגן האָט געברענט אַ מאָנענדיקער הונגער. און סופיעס איינגעפאַלענע בעקעלעך האָבן געצאַנקט, ווי בלויע פלעמלעך פון אַן אויסגייענדיק ליכט. קוזיק האָט אַ כאַפּ געטאָן דער קוזיטשקעס סערדאַק און די פּאָר גראָשן וואָס ער האָט פאַרמאָגט, די ווייב זאָל ניט וויסן, איז אַוועק צו אָשר דעם מילנער, פאַרזעצט דעם סערדאַק און צוגעצאָלט, האָט ער איינגעהאַנדלט אַ פערטל צענטער הרעטשקע. ער האָט עס גלייך אָפּגעמאָלן צוזאַמען מיט דער שאָלעכץ און געבראַכט צו טראָגן אַ היים.

— נאַט, דאָס דאַרף סטייען אויף אַ גאַנצן ווינטער. עסט אָדער קוקט עס אָן. דער קוזיטשקע מיט די קינדער איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ. זיי האָבן זיך ניט צוגערירט דערצו. זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, ווי נישט באַפּעדערטע הינדלעך. די קוזיטשקע האָט אַרויפגעשיקט איר פינצטערן בליק צו דער זטעליע, פון וואַנען ס׳האָט

אַריינגערעגנט. דערמיט האָט זי געוואָלט בעטן דעם מאַן, קוזיקן, אפשר קאָן ער צושלאָגן אַ פּאָר ברעטלעך אונטערן דאַך. זי האָט דאָס אָבער ניט געוואַגט אַרויסצוזאָגן אין ווערטער.

צו הונגער זײַנען הוצולישע קינדער געוואוינט. די קאַרפּאַטן בערג גיבן אַפּעטיט, פרישע לופט, שטימונג, פלאַמענדיקע האָריזאָנטן, נאָר נישט קיין ברויט. די צוויי קינדער, מיכאיליק און סופיע, האָבן נאָך אין זייער לעבן ניט געפילט דעם טעם פון זעט. יאָ, ס'האָט שוין געטראָפן, אַז די קליינע סופיע זאָל קוקן מיט הונגעריקע אויגן אויף דעם ראָזעווע הרעטשקע־ברויט און זאָל עס ניט קאָנען עסן. דאָס טרעפט אפילו זייער אָפט. דערפאַר קוקט זי טאַקע אויס ווי אַ העלפט פון אירע זעקס יאָר...

איוואַק קוזיק האָט אַ בייזן קוק קעטאָן אויף זיי פון דער זייט: — ווען נישט די צוויי שרצים, וואָס וואָלט אים געפעלט? ער כאַפּט זיך אַ מאָל אַריין צו אַ שכן און עסט אַ מאָלצייט; אַ מאָל אין הויף, ביי דער יונגער פריצה — ער איז דאָך ניט קיין פאַרשלאָפענער; נאָר די דאָזיקע צוויי פּאָר אויגן שטעכן אים אויס דאָס האַרץ. ער האָט פון העלער הויט אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס. די צוויי קינדער האָבן אָפּ געעאָטעמט, ווי אַ שטיין וואָלט זיי אַראָפּ פון האַרצן. זיי האָבן גענומען אַרומשפּרינגען מיט די דאַרע פיסלעך אויף דער פייכטער ערד. מיכאיליק האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן און סופיע — גלייך נאָך אים. מ'איז געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָזט מיטן גליטש פון דער טיר ביז צום טיש.

נאָר די קוזיטשקע איז געזעסן ווי פאַרשטאַרט און האָט צוגעהאַלטן די הרובע. איר פינצטערן בליק האָט זי אָנגעהאָנגען אָנעם אַלטן באַרג, וואָס האָט אַריינגעשפּאַרט מיט זיין האָרב אין פענצטער אַריין. צוויי קויטיקע טרערן האָבן זיך געצייכנט אַ וועג אויף אירע באַקן אַראָפּ צו דיווינקלען פון מויל. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס מאָל וועט זי ניט באַוויזן אַריבערצוברענגען די צוויי קינדער דעם לאַנגן, שווערן ווינטער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געשטעלט. מיט זעקס יאָר צוריק, געדענקט זי, ווען די פריע סלאָטעס האָבן אויסגעפוילט די קאַרטאָפל אין פעלד, האָט זיך אויך געשטעלט אַזאַ ביטערער ווינטער. נאָר דעמאָלט האָט נאָך סופיע געזויגן, האָט מען זי געקאָנט דערהאַלטן מיטן אייגענעם בלוט. זי געדענקט נאָך ווי היינט, ווי סופיע, אַ פּיצעלע, פלעגט מיד ווערן ציענדיק די ליידיקע ברוסט, פלעגט זי אַרויפקוקן צו איר מיט אַ פּאָר גרויסע פרעגערס אין די טונקעלע אויגן. די קוזיטשקע האָט אַ שמייכל געטאָן. זי האָט נאָך קיין מאָל אין איר לעבן ניט געהאַט אַזאַ גרויסע הנאה, ווי דאָס זייגן דאָס דאָזיקע קינד. זי האָט געקוקט אויף די צוויי נאַרישע קינדער, וואָס האָבן זיך געגליטש אין דער בלאָטע און זע — וווּנדער איבער וווּנדער! אויף סופיעס איינגעפאַלענע בעקעלעך שוועבט אַ ראָזעווע הויך. זי האָט זיך אַליין געשטעלט די האַרבע קשיא: ווער, ווער פון זיי ביידן?... עס האָט זי פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט דאָס געפיל פון אַ וועלפעכע, בעת די שנייען דעקן איין די וועלדער. אַ גרויזאַמער פחד האָט אָנגעקלאַפּט אין איר האַרץ און האָט איר מער קיין רו ניט געלאָזט.

* * *

אין אַ שפּעטער מיטן־נאַכט שעה, ווען קוזיק איז ניט געווען אין דער היים האָט זי גענומען וועקן מיכאַליקן פון שלאָף:

— מיכאַליק, מיכאַליק, דו שלאָפסט?

מיכאַליק איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אין דרייען. דער שלאָף האָט געטריפט מיט האָניק פון זיינע גלידער. ער האָט זיך קוים געכאַפּט אַז ער איז אַליין אויפן געלעגער, אָנעם פאָטער, און האָט זיך אויסגעשטרעקט.

— האַ, וואָס? כ׳שלאָף ניט.
— דער טאַטע איז אייגנטלעך גערעכט — האָט זי אָנגעהויבן ריידן אין דער שטיל.
— ס׳טאָגט נאָך ניט, מאַמע — האָט זיך מיכאַליק געבעטן און האָט ווייטער געגומען דרימלען.
— טאַקע, וואָס פאַר אַ לייט וועט עס וואַקסן פון דיר דאָ, אין דעם אָרעמען דאָרף? דער טאַטע זאָגט, אין שטאָט איז אַ סך בעסער. אין אַנדערע דערפער איז אפילו בעסער ווי דאָ. דאָס איז דען אַ דאָרף? דאָס איז דאָך אַ העק!...
— ווו איז דער טאַטע?
— דער טאַטע דערציילט, אַז אין אונגאַרן עסן די פויערים ווייס ברויט מיט שמאַלץ. מילא, דאָס איז שוין אַ גוזמא. נאָר אפילו ווייס ברויט אָן שמאַלץ... שטעל זיך נאָר פאָר, ווייס ברויט...
דערהערט ווייס ברויט, האָט זיך מיכאַיליק אויפגעכאַפּט.
— איך האָב שוין געזען ווייס ברויט. ווען איך בין געגאַנגען אונטערטרייבן זיידע דייטש׳ס קעלבל צום הויף, איז אַרויסגעקומען וואַרוואַרע, די דינסט, און האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ווייס ברויט אַז קיינער זאָל ניט זען. זי האָט עס נאָך אָנגעשמירט אויף דער לינקער זייט מיט פּוטער. האָב איך עס באַהאַלטן אין ״פּאַזוכע״ (בוזים) און אויפן וועג אַ היים האָב איך עס געגעסן. אַך, מאַמע, איז דאָס געווען גוט! פּונקט ווי אונדזערע בולקעס אין פּסח. ס׳איז מיר בלויז אַ שאָד געווען עס אויפצועסן...
— דו הערסט, מיכאַיליק — האָט די קוזיטשקע ווייטער גענומען ריידן — ס׳איז אַ רחמנות אויפן קינד. זי וואַקסט אויף צוריק. דערצו איז עס נאָך אַ שלאַק אויך. אפילו דער ביסן וואָס איז פאַראַן אַ מאָל, עסט זי אויך ניט. נעכטן, כ׳גיב אַ קוק: עסט, כלומרשט, עסט און גיט אַ גנבע אַראָפּ אַ שטיק מאַמעליגע פאַרן הונט. אַזאַ שרץ! די אויגן קריכן איר פון קאָפּ אַרויס און דאָס גיט נאָך אַוועק דעם הונט! נאָר די אויגן, דו הערסט, מיכאַיליק, איך האַלט עס ניט אויס... וואָלסט געוואָלט פאָרן אין שטאָט אַריין? — האָט די קוזיטשקע פלוצלינג געפרעגט.
מיכאַיליק האָט אַ ציטער געטאָן. דער מאַמעס נאָגנדיק קול האָט זיך שמערצלעך צעגאָסן איבער זיין קינדעריש הערצל.
— טשערנאָוויץ איז זייער אַ שיינע שטאָט, מיט אַ סך גוטע מענטשן. שראָליק משה מענדלס האָט זיך דאָרט אַרויפגעאַרבעט — ער איז געוואָרן אַ קעלנער אין אַ וויין־קעלער. וועסט אים אויפזוכן, וועסטו האָבן אַ שטיקל אָנשפּאַר. זיי זיינען גוטע זשידעס, די מענדלעראָווצעס. געדענקסט ווי ער פלעגט דיך לערנען שרייבן? מ׳זאָגט אַז טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט געקאָנט אַזוי גוט שרייבן און לייענען איז ער דאָרטן געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער.. דו וואָלסט אויך געקאָנט עפּעס טאָן, ניט?
עפּעס האָט זיך מיכאַיליקן צעגויפּעדרייט אין האַלדז, און ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט ענטפערן. נאָר אַז די קוזיטשקע האָט ווייטער גערעדט און האָט אַלץ כסדר געפרעגט צי ער שלאָפט, האָט ער זיך אַ גרויסן כוח אָנגעטאָן און האָט אַראָפּגעשלונגען אַן ״אַהאַ״.
— ביזט טאַקע נאָך אַ קליינער, נאָר ס׳קאָן זיין, אַז גראָד דערפאַר זאָל ווער אויף דיר רחמנות האָבן און דיך גוט באַהאַנדלען; אַז מ׳זאָל דיר כאָטש געבן אָ ביסל וואַרעם געקעכטס און אַ טרוקן געלעגער. מיר דאָ, אויב די סלאָטעס וועלן אַזוי אָנהאַלטן, וועלן אונטערגעשווענקט ווערן. איך האָב שוין ניט אַזויפיל טעפּלעך אויף אונטערצושטעלן, ווו ס׳רעגט אַריין. דאָ ביים אויוון טרוקנט נאָך אַ ביסל צו; נעבן פענצטער, נעבן דער טיר — ווייקט. און דער מיטלסטער באַלקן ברעכט זיך. האָסט געזען?
די קוזיטשקע איז שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפן. ווי נאָר ס׳האָט גענומען זשאַרען אויף טאָג, איז זי אַראָפּ פון בעט, זיך אָנגעטאָן, אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ טיכל

מיט אויסגעריבענע קווייטן און איז אַרויס פון שטוב. אין דרויסן, דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. דער צעגאַנגענער שניי איז געווען פאַרפרוירן און די גרינע לאַנקע איז געלעגן ווי אונטער אַ גלאָז. זי איז געגאַנגען מיט דער סטעטשקע, נעבן טייכל, אַרויף צו דער מיל. דאָס וואַסער האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ ווייסן שוים אָנעם אָפּגעשטעלטן ראָד. פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן אַ היימלאָזער הונט און האָט געשמעקט צו אירע פיס. זי האָט געקוקט אויף דעם זוכנדיקן הונט און געטראַכט, אַז אַזוי קאָן זיך אַ מאָל איר מיכאַיליק אַרומבלאָנקען אין דער פרעמדער, אומבאַקאַנטער שטאָט.

אין אָשר דעם מילנערס פענצטער האָט זיך באַוויזן אַ שוואַך ליכטל. די קוזיטשקע האָט אָנגעקלאַפּט און געוואַרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אָשר, מיט איין האַנט אין אַרבל פון אויסגעשטעפּטן שפּענצער, האָט איר געעפנט די טיר. די קוזיטשקע האָט זיך ווי אַ שאָטן אַריינגעשלייכט אין שטוב. דאָ איז נאָך יעדער געשלאָפן. אַ געדיכטער, וואַרעמער ריח האָט זיך געטראָגן פון די געלעגערס און ס׳האָט זיך געהערט דאָס צמאָקען פון אַ זויג־קינד ביי דער מאַמעס ברוסט. אָשר איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו דער קוזיטשקע מיט דער פּלייצע און האָט זיך פאַרקנעפּלט די הויזן. בלויז דאָס שוואַרצע בערדל האָט אַ שיקל געטאָן אויף איר זייט.

— וואָס וועסטו עפּעס זאָגן אַזוי פרי, קוזיטשקע? ביסט אפשר געקומען מאָלן?

— איר פאָרט אפשר די טעג אין שטאָט אַריין? — האָט די קוזיטשקע שטיל געפרעגט, ניט ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע.

— די אַנדערע וואָך, אם ירצה השם. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו?

— אָשר סערצע, וועסט מיר מוזן מיטנעמען מיין יינגל אין שטאָט אַריין אויף אַרבעט.

— פאַר געלט, מהיכא־תיתי, אָבער וואָס רעכנסטו פאַר אַן אַרבעט קאָן דיין מיכאַיליק טאָן? איך, למשל, וואָלט אים ניט געהאַלטן, ווען דו צאָלסט מיר צו.

— ער וועט מוזן געפינען עפּעס. אָט האָט ער דאָך שוין געאַרבעט מיט מיר אויפן פעלד ביים קוקורוזע שיילן... קיין געלט האָב איך ניט. — אָשר האָט אויף איר אַ בייזן קוק געטאָן. — וועסט מיר אים מוזן מיטנעמען אָן געלט — האָט די קוזיטשקע מיט דער לעצטער זיכערקייט אַרויסגערעדט — מיר זיינען שכנים שוין אַזוי פיל יאָרן. איך וועל דיר אָפּאַרבעטן. אָט וועלן זיך מיינע ״קערעצעס״ (ברוינע הינדלעך) אָנהויבן לייגן, ברענג איך דיר יעדעס איי...

— איהי — האָט זיך אָשר צעבייזערט — נאַ דיר אַ פּיטשעטיק אויפן ניכטערן מאָגן.

מרים, אָשרס ווייב, האָט זיך איבערגעדרייט אין בעט און האָט איבערגעלייגט דאָס קינד פון דער רעכטער ברוסט צו דער לינקער. דאָס קינד האָט זיך געקווענקלט. מרים האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך מיט דער ערלה ניט איינרייסן.

— לאָז אָפּ, אָשר, מ׳עט שוין זען. מ׳שטיינס געזאָגט, ס׳ילד אירס, גרויס ווי אַ פלוי.

— דערווייל איז נאָך נישטאָ קיין שניי פאַרן שליטן און דעם וואָגן וועל איך איצט ניט שפּאַנען — האָט אָשר געפונען אַ תירוץ.

— נאָר דער שניי האָט אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. שבת פאַרנאַכט, ווען די אונטערגייענדיקע זון האָט ווידער געצונדן די באַרג־שפּיצן און אין דרויסן האָט גענומען אַ קנאַקנדיקער פראָסט, האָט שוין דער שניי געבלענדט אין די אויגן און געסקריפּעט אונטער די פיס.

אָשר איז געשטאַנען און האָט באַקוקט דעם שליטן, וואָס איז געלעגן מיט די שינעס אַרויף, בעת מעשה האָט ער צונויפגערעכנט זיינע פאַרשוינען: לאה מיט באַבעלען פאָרן נאָך חתונה־קליידער; בלומע פאָרט צום רבין; דבורה רייזלס פאָרט זיך אַ ביסל איבער — זי האָט עפּעס מער וואָס צו זאָרגן? און פיוויש לייב פאָרט נאָך אַ מלמד. איין גאָט ווייסט ווען ער וועט זען פון אים די פאָר גראָשן פאַר דער נסיעה.

אָשר איז אַריין אין שטאַל. דאָס פערד האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון דער

קאָרעטע, האָט אים אָנגעקוקט מיט די קלוגע פערדישע אויגן און האָט צופרידן אַ הירזשע געטאָן. אָשר האָט אים דערלאַנגט אַ קאַרגע פּאָרציע האָבער פון אַ זאַק אַרויס און האָט אים דערביי ליבלעך אַ שמיר געטאָן איבער דעם ווייסן פלעק אויפן פּנים. דאָס פערד האָט אים פון גרויס גדולה אַראָפּגעשמעקט דאָס שטריימל פון קאָפּ, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־זויבערן אָרט.

—אַ ניכפּה אויף דיר, דו הינטישע שקאַפּע! — האָט ער איר דערלאַנגט איבערן גלאַנציקן הינטער־חלק אַזוי, אַז אַלע פינגער האָבן זיך אָפּגעצייכנט. נאָך הבדלה האָט ער זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

ביי קוזיקן אין שטוב האָבן זיך אַלע דריי שטום געזעגנט. איוואַן קוזיק, ווי ס׳טרעפט אָפּט, איז שוין ניט געווען אין דער היים. ער האָט זיך אין גאַנצן עסק ניט געמישט. וואָרעם ער קען זיין ווייב, די הוצולקע. צוליב די צוויי שרצים טראָגט זי אויף אים אַ האַס דאָס גאַנצע לעבן. — דאָס איז דען אַ טאַטע? — פלעגט זי זאָגן מיט ביטערקייט — דאָס איז אַ טאַטעלעריו!...

די קוזיטשקע איז געזעסן אויפן פּירעקיקן טיש נעבן פענצטער. זי האָט געהאַלטן סופיען אויפן שויס און מיכאַיליקן נעבן זיך. אַנטקעגן האָט דער ריזיק ווייסער באַרג געגליצטיקט אין שטוב אַריין. זיי האָבן גראד געהאַט אָפּגעגעסן אַ ביסל שיטערס פון הרעטשענע מעל. אין שטוב איז נאָך געווען וואַרעם פונעם ביסל פייער, וואָס ס׳האָט געברענט. ביסלעכווייז האָט אויסגעקילט און ס׳איז פינצטער געוואָרן. איצט האָבן זיך פון סופיעס באַקן אַראָפּגעגליטשט צוויי הייסע טרערן, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געריסן אַרויס, נאָר סופיע האָט זיי מיט גוואַלד איינגעהאַלטן. קיינער האָט ניט געוואַגט אַרויסצורײדן אַ וואָרט, וואָרעם דאָס מינדסטע קול פון איינעם פון זיי, וואָלט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון אַלע דריי.

מיכאַיליק האָט געטראַכט: ס׳איז גאָרניט אַזוי שלעכט אין דער היים. אָט האָט ער נאָך היינט אין דערפרי אָפּגעריסן אַ פּאָר עפּעלעך פון דאָדיקס בוים. זיי זיינען געווען זייער גוט. די זויערקייט איז געווען אינגאַנצן אויסגעפרוירן. ער האָט דייטלעך געזען דעם עפּלבוים, וואָס שטייט אַזוי איינזייטיק אויפן משופּרדיקן בערגל און די שמאָלע סטעטשקע, וואָס פירט אַהין איבער מאָקיקעס פעלד. ער האָט געזען דאָס גראָז ווי עס זעט אויס אין פרילינג, ווען די ביימער צוויטען און די פייגעלעך בויען זיך נעסטן. ס׳וועט דאָך נאָך זיין אַ מאָל פרילינג, נאָר ער, מיכאַיליק, וועט שוין דאָ ניט זיין. ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער מאַמעס פינצטערן פּנים אַריין און אַ גרויסע ליבשאַפט האָט אָנגעפילט זיין האַרץ, אַ ליבשאַפט צו אַלץ און אַלעמען דאָ. אפשר, ווען די מאַמע זאָגט איין וואָרט, וואָלט ער מאָרגן ניט געפאָרן. און ווי גוט וואָלט אים געווען, ווען ער דאַרף ניט אַוועקפאָרן. נאָר די קוזיטשקע האָט גאָרניט געזאָגט און ביי מיכאַיליקן אין הערצל האָט זיך באַצייטנס באַזעצט אַ הייסע בענקשאַפט צו דער אָרעמער היים.

זונטיק גאַנץ פרי, האָט די קוזיטשקע אָפּגעשניטן מיט אַ פאָדעם עטלעכע שטיקלעך ״קעלעש״ (פּאַרקאָכטס פון מעל) האָט עס באַשמירט מיט ערדע־קעז, וואָס מרים האָט איר געגעבן, אָשר זאָל ניט זען, און האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ ווייס האַנטוכל צוזאַמען מיט אַ קורץ, אָבער אויסגעווייט העמדל. זי האָט דעם ציטערדיקן מיכאַיליק איינגעהילט אין אַלע שאַליקעס. אויף די פיס האָט זי אָנגעוויקלט שמאַטעס און פון אויבן אַ פּאָר גרויסע, צעריסענע פּאַסטעלעס (היימיש־געמאַכטע שיך). מיכאַיליק איז ערגעץ אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן אין דעם בינטל שמאַטעס וואָס מען האָט אָנגעטאָן אויף אים. אַרויסגעזען האָט מען בלויז די אויגן, אין וועלכע ס׳האָט געברענט איין גרויס געבעט:

—לאָז מיך בלייבן אין דער היים. שיק מיך ניט אַוועק אין דער פרעמד. ער האָט געפּאָרשט דער מאַמעס יעדן קער און ריר און געהאָפט, אפשר, אפשר וועט נאָך עפּעס פּאַסירן און ער וועט ניט דאַרפן אַוועקפאָרן.

חיים שווארץ

# זיי דאַנקפּול, מיין קינד...

זיי דאַנקפּול, מיין קינד, פאַר דער שפע פון לאַנד,
פאַר פּאַליצעס, שווער אָנגעלייגטע
מיט ברייטער, מיט פולינקער האַנט.
דיין אויג קען ניט זעטיקן זיך מיט קאָלירטן כּל־טוב
צעלייגט אין דער לענג
פונם דיל ביז אַרויף,
ביז אַרויף.

די מאַמע האָט אויסגעמיטן זיינע בליקן און האָט זיך געמאַכט האַרץ. — אָט אַזוי, ס׳איז קאַלט אין דרויסן. וועסט קומען אין שטאָט אַריין, וועסטו אַראָפּוואַרפן דעם אַלטן שאַליק און וועסט זיך אָנטאָן דאָס העמדל. ס׳נאָך אַ גאַנץ שיין העמדל, וועסט עס אַריינלאָזן אין די הויזן, וועט מען ניט זען אַז ס׳איז קורץ. פאַרגעס ניט, אַז שראָליק, משה מענדלס, געפינט זיך אויף דער רוסישער גאַס. אין שטאָט מוז מען וויסן אַ גאַס... — זי האָט געהאַלטן אין איין ריידן, נאָר מיכאַיליק האָט ניט געהערט קיין וואָרט. ווען ס׳האָט איר אָנגעהויבן אויספעלן אָטעם און אין האַלדז האָבן זיך גענומען קנוילן די ווערטער, האָט זי אַ פּראַל אויף געטאָן די טיר און האָט אָנגענומען מיכאַיליקן ביים הענטל. ערשט ווען דער לעצטער סקריפּ פון זייערע פיס האָט זיך אויסגעלאָשן, האָט זיך סופיע ביטער צעוויינט. באָיע, דער הונט, איז געלעגן אַ פאַרשולדיקטער ביי אירע פיס.

אָשר האָט זיי באַגעגנט מיט אַ בייזן היקען און סטיקען: — ביסט שוין דאָ? כ׳האָב געמיינט, מ׳וועט דיך דאַרפן זוכן. איהי! מיינע גליקן... נאָר מרים האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעזוכט און האָט זיך אָפּן געשטעלט אויף זייער זייט: — הער שוין אויף, אָשר, מיט דיינע שטיק. זע נאָר ס׳נפש, ווען מען שיקט עס אַוועק פון דער היים! ס׳אַ גאָטס רחמנות און ער צאַפּט נאָך ס׳בלוט. זי האָט דערביי אַריינגעשטופּט מיכאַיליקן צוויי שטיקלעך ברויט אין הענטל אַריין, — הער אים ניט, מיכאַיליק — האָט זי געגלעט דעם יינגל — דער שקאַפּע׳עט ניט אַראָפּפאַלן פונם פעטן הינטן, אין וואָס ער שפּיגלט זיך אַזוי.

אָשר האָט אים פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן ביי די שמאַטעס און האָט אים אַריינגעוואָרפן צווישן די צוויי געזעסן־פאַרשוינען. די איינגעהילטע ווייבער, ווי די קוואָקעס, האָבן זיך צעקוויטשעט; — וואָס איז דאָס? זע נאָר, אויף די פיס גאָר! — דאָ האָט מיכאַיליק נישט געקאָנט שטיין, נישט זיצן, נישט ליגן, נאָר אַזוי זיך האַלטן האַלב אין דער לופטן, האַלב אויף די פיס פון די פאַרשוינען.

אָשר האָט אַ בייזן קוק געטאָן הינטער זיך און אַ צי געטאָן די לייצעס. דאָס פערד, וואָס איז שוין מיד געווען פון שטיין אין שטאַל אַזוי פיל וואָכן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט. מיכאַיליק האָט זיך איבערגעקערט. די צוויי שטיקלעך ברויט זיינען אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. דער שליטן מיט די פאַרשוינען האָט זיך אַוועקגעגליטשט אויפן ווייסן, זילבערנעם וועג און דער בלויער שאָטן איז נאָכגעלאָפן ביי דער זייט. פון אונטער אַ גראָב טיכל, ווי אַ זאַק, האָבן זיך אַרויסגערוקט אַ פּאָר האַרטע, אָבער וואַרעמע פּרויאישע הענט, און האָבן איינגענומען מיכאַיליקס פאַרלוירענעם כליפּ.

די קוזיטשקע איז געבליבן שטיין, ווי צוגעפרוירן צו דער ערד. אירע שאַרפע שטריכן אויפן פּנים זיינען געוואָרן פאַרשפּיצט, ווי ביי אַ מת. עפּעס האָט וועגער אויסגעשיילט דאָס האַרץ פון איר לייב און האָט עס אָפּגעטיילט פון איר.

פון אונטערן באַרג, אויפן הויכן מזרח ראַנד, האָט געררויטלט דער הימל.

זיי דאַנקפּול, מיין קינד, פֿאַר די בייכיקע
פּולע שקאַרמיצן, —
דעם טיש צו דערפֿרייען,
פֿון הונגער די היימישע ווענט צו באַשיצן;
דעם שוסטערס וואַרשטאַט און דער שניידערשער שער, —
אַ דאַנק גיב, מיין קינד,
פֿאַר באַקליידן דיין נאַקעט,
באַשוכן דיין טראָט איבער שטאָטישער ערד.

נאָר, זע נאָר, ווי ביינערנע פֿינגער זיך גריבלען
אין קופּע פֿון מיסט, —
די ציין צו דערקוויקן מיט עפּעס אַ ביס;
און זע, ווי אין טונקעלע שאָטנס פֿאַרבאָרגן, פֿאַרשטעלט,
צוויי מאַמישע אָרעמס צו ברוסטן זיי טוליען
איר מלאכלס קליייניקע וועלט,
אין היימלאָזן, ווינטיקן דרויסן
אין האַרבסטיקער קעלט...

און זע:
אין צוויי פּויסטן געפּרעסט זיינען טאַטישע הענט,
און יונגען
וואָס שאַרן זיך האַרט ביי געשטיבלטע ווענט,
און לאָקערן שטילע מיט מאָרד אין די בליקן,
מיט וועלפֿישן אָנפֿאַל אויף רויב...
דער טאָג איז ניט זיכער פֿאַר מאַמעס מיט וויגן,
די נאַכט איז קיין שוץ פֿאַר דער רו הינטער שויב...

ערגעץ וויקלט דער הימל זיך איין
מיט פֿאַרבאָרגענעם חשד;
אומרואיק קנוילט זיך אין מדבר
צערודערטער זאַמד;
און שטאָלענע פֿייגל צעבויטען די זוניקע הויך —
אַרויסלאָזן גרייט פֿון פֿאַרגוואַלדיקטן בויך
די מלאך־המוות־מתנות פֿון פֿלאַם
און רויך...

זיי דאַנקפּול, מיין קינד...
דער האַרבסטיקער ווינט פּרעסט די בלעטער פֿון בוים
און באַגלייט יעדן דאַנק
מיט אַ טרויריק
געזאַנג...

״טהענקסגיווינג דעי״ 1990

**שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק**

## בײַם טיטוס־טויער אין רוים

צווישן די אַרקאַדן פון דעם חָרובן קאָלאָס האָב איך געטראָפן אַ ייד פון רוים, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָטן צו זײַן אונדזער וועג־ווײַזער. ער איז געשטאַנען פאַר אַן אָפּגעבראָכענע זײַל, וואָס סימבאָליזירט די גלאָריע פון אַמאָליקן רוים, און ער איז דורכאויס באַשטאַנען, אַז צוערשט מוז איך גיין זען צוויי אויפשריפטן, וואָס זײַנען די שליסלען צו דער יידן־געשיכטע אין רוים. און אפשר זײַנען די צוויי אויפשריפטן גאָר דער אַרײַנפיר־טויער און דער אַרויספאָר־טויער אין אַ שטאָט, וואָס דערציילט אַ טויזנט־יאָריק יידיש קאַפּיטל.

צען מינוט שפּעטער בין איך געשטאַנען פאַר דעם טיטוס־טויער, וואָס זאָגט אָן דער וועלט וועגן דעם נצחון פון די רוימער איבער ירושלים. מײַן באַגלייטער, אַן ענטוזיאַסט פון דענקמעלער און אַרכיטעקטאָנישער קונסט, האָט געהאַט די געלעגנהייט איבערצולייענען די באַרימערישע אויפשריפט, אויסגעקריצט אינעם שטיין פון רוימישן טריאומף־טויער. די אויפשריפט זאָגט:

״דער סענאַט און דאָס פאָלק פון רוים — צום אימפּעראַטאָר טיטוס, דער פאָטער פון לאַנד, דער הערשער און פרינץ, וועלכער האָט אויסגעפירט דעם באַפעל פון זײַן פאָטער און אומגעבראַכט דאָס יידישע פאָלק און צעשטערעט די שטאָט ירושלים, וואָס אַנדערע פעלקער, קעניגן און פרינצן פאַר אים האָבן זי באַלאַגערט און נישט געקענט באַזיגן און די שטאָט איז צומאָל (דורך זיי) נישט אָנגעגריפן געוואָרן״.

דער טיטוס־טויער, וואָס שטייט אויף דער שײַנער אַלעען וויאַ סאַקראַ, איז נישט בלויז באַדעקט מיט דעם נצחון־אויפשריפט, נאָר אויך מיט גראַפישע צייכענונגען, וואָס ווײַזן דעם מאַרש פון יידן אין בית המקדש בײַם ברענגען קרבנות און פון הינטן ריזלט דער ירדן־טײַך. אויף איין זײַל זעט מען טיטוסן, דעם קריגס־פירער אין זײַן רײַטוואָגן. די געטין פון נצחון טוט אים אָן די קרוין און די געטין פון רוים צוימט די פערד, אײַנגעשפּאַנטע אין דעם רײַטוואָגן. אונטער די אנדערע אַרקאַדן זעט מען דעם נצחון־פּאַראַד און דעם חורבן פון בית המקדש, און מען זעט די געפאַנגענע יידן, וואָס ווערן געצוווּנגען צו ברענגען די טראָפייען פון בית המקדש. די טרויעריקע, באַזיגטע יידן טראָגן דעם גאָלדענעם טיש, די מנורה, די האָרנסט און די טראָמפּייטן. און אויך אונטער די הייליקע כלים איז אויסגעקריצט אַן אויפשריפט, וואָס זאָגט אָן, אַז דאָס רויב פון ירושלים ווערט דערלאַנגט ווי אַ מתנה צום זיגער: ״דער סענאַט און דאָס פאָלק פון רוים — צו דעם געטלעכן טיטוס וועספּאַסיאַנוס אויגוסטוס, דער זון פון דעם געטלעכן וועספּאַסיאַנוס״.

דער וועג־ווײַזער האָט אונדז געפירט זען די צווייטע אויפשריפט, וואָס געפינט זיך אויף אַ טאָוול אין פראָנט פון אַ קירך, בײַם אַרײַנגאַנג צו דער רוימישער געטאָ. די שריפט לאָזט וויסן אין אַ פאַרגרייזטן העבראיש: ״פֵּרַשְׂתִּי יָדַי כָּל הַיּוֹם אֶל עַם סוֹרֵר הַהֹלְכִים הַדֶּרֶךְ לֹא טוֹב אַחַר מַחְשְׁבוֹתֵיהֶם; הָעָם הַמַּכְעִיסִים אוֹתִי עַל פָּנַי תָּמִיד...״ דער טײַטש פון דעם ציטאַט, וואָס איז ווײַזט אויס, אַ שלעכטע איבערזעצונג פון ברית חדשה, איז אַזוי: ״כ׳האָב אויסגעשפּרייט מײַנע הענט אַ גאַנצן טאָג צו דעם ווידערשפּעניקן פאָלק, וואָס גייט אויף דעם שלעכטן וועג נאָך זייערע געדאַנקען, דאָס פאָלק וואָס דערצערנט מיך שטענדיק...״

די קירך שטייט קעגנאיבער דער שול ״טעמפּיאַ איזראַעליטיקאַ״ בײַם אַרײַנפאָר אין געטאָ און די אָנקלאַגע קעגן דעם ״ווידערשפּעניקן״ פאָלק איז אַ ביטערער שְׁמַד־רוף פון וואַכזאַמע מיסיאָנערן.

עס איז אַ מהלך פון דער פאַרצייטיקער אויפשריפט אויף דעם טיטוס־טויער ביז צו דער אויפשריפט אויף דער היינטיקער קירך. איבער דעם מהלך האָבן דורכגעמאַרשירט צוויי טויזנט יאָר געשיכטע פון יידישן פאָלק. לויט אַ לעגענדע איז רוים אויסגעבויט געוואָרן דורך ראָמולוסן אויף זיבן בערגלעך און היינט ציילט זי אומגעפער צוויי מיליאָן איינוווינער. עס איז כמעט נישטאָ קיין געגנט אין דער היינטיקער רוים ווו כ׳האָב נישט געטראָפן קיין יידן און עס איז נישטאָ קיין ווינקל אין שטאָט ווו עס זאָל נישט אַרויסקריכן אַ פאַרשטייער פון אַ יידישן שבט.

גייין איבער די גאסן פון רוים איז אַזוי ווי טרעטן איבער די שטיינער פון אַ רייכן מוזעאום. די בריקן איבערן טייך טיבער, די פאָרומס, די סטאַדיאָנען, די קאַטאַקאָמבן און קאַטעדראַלן דערציילן פאַרביקע קאַפּיטלעך פון אַ שטאָט, אַן אימפּעריע, וואָס האָט דעראָבערט א וועלט און ס׳איז דערנאָך פון איר געבליבן אַ חורבה. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר רוים, אַז גלייך קעגנאיבער די בויגן־טויערן און מאָנומענטן און אַרקאַדן, וואָס דערציילן וועגן אַמאָליקע נצחונות, שטייען צעטערטע טעמפּלען און פאָרומס און סטאַטועס, וואָס ווייזן אָן אויף ירידה און אונטערגאַנג.

דער חורבן פון דעם געצנדינערישן רוים קריגט דעם שטאַרקסטן אויסדרוק אין דעם קאָלאָסעאום, וואָס איז אַמאָל געווען דאָס שיינדל פון רוים. דער קאָלאָסעאום איז געווען דאָס אַמפיטעאַטער, וווהין דאָס פאָלק האָט געצויגן נאָך פאַרווילונג. דאָ האָבן די גלאַדיאַטאָרן דערהרגעט די געפאַנגענע פון פרעמדע פעלקער פאַר די אויגן פון אַן ענטוזיאַסטישן המון, וואָס איז געקומען זען אַ ספּעקטאקל פון בלוט. פופציק טויזנט איינוווינער פון רוים האָבן אַפּלאָדירט די לייבן און טיגערס, וואָס האָבן צעריסן און געטרונקען דאָס בלוט פון די געפאַנגענע יידישע קעמפער פון ירושלים. די זעלבע באַגייסטערטע רוימער האָבן שפּעטער אין קאָלאָסעאום זיך געקוויקט מיט דעם בלוט פון די פאַרפייניקטע קריסטן. פון די צוויי פאַרלאַנגען: ברויט און פאַרווײלונג האָט דאָס רוימישע פאָלק אויסגעקליבן פאַרווײלונג פון בלוט. די מאָרד־ספּעקטאַקלען זיינען געווען די שענסטע אַטראַקציעס פון רוים. קיין פאָרשטעלונג האָט נישט געקענט אַזוי זעטיקן די לוסט נאָך שפּיל ווי דער געראַנגל פון אַ גלאַדיאַטאָר מיט זיין קרבן, אָדער דאָס בילד פון אַ פאַראורטיילטן מאַן צווישן די ציין פון אַ לייב.

פון דער נאָענט האָב איך געקוקט אויף די היילן און שטייגן, פונוואַנען עס זיינען אַרויסגעלאָפן די חיות צו פאַרצוקן די קרבנות אינמיטן דער אַרענע. איך בין געשטאַנען אויף די אונטערשטע טרעפּ פון אַמפיטעאַטער און געקוקט אויף די צעבראָכענע גאַלעריעס, באַלקאָנען, אַרקאַדן, אויף די איינגעפאַלענע ווילן און ווענט. איך האָב געזען דאָס אש פון טיטוסעס שטאָט. איך האָב געזען די חורבות פון אַ מאַכט, וואָס האָט חרוב געמאַכט ירושלים און איז אַליין באַגראָבן געוואָרן אונטער די אייגענע חורבות.

אין דער היינטיקער רוים פאַראַדירט נישט דער דלות, אין קעגנזאַץ צו אַזוינע שטעט ווי נעאַפּאָל און מילאַן, ווו די אָרעמקייט אין טייל געגנטן שטייט אָן בושה, צווישן ליכטיקע סקווערן מיט פאָנטאַנען און פּאַרקן. אין רוים ציען זיך גאַסן מיט גרויסע לוקסוס־געשעפטן, אָנגעלאָדן מיט די טייערסטע סחורות. און מען רייסט פון די הענט די אײדעלע געוואַנטן, נישט די טוריסטקעס, נאָר גראָד די פרויען פון רוים.

די שטילע אָרעמקייט אין רוים איז שטאַרק קענטיק אין די גאַסן, וואָס פירן צו דער געטאָ. די "רוימישע געטאָ" איז היינט אַן אַרכאַאישער באַגריף. נישטאָ קיין געשלאָסענע טויערן הינטער פאַרצוימטע יידישע געגנטן, אָבער דער נאָמען געטאָ איז געבליבן. דאָרט וווינען היינט יידן פון מיטלקלאַס און יידן פאַרמעגלעכע, און לעצטנס האָבן זיך אויך אַריינגעקליבן אין די אַלטע רוימישע גאַסן פּליטים פון עגיפּטן, פון אַנדערע אַראַבישע לענדער און אויך פון מזרח־אייראָפּע.

## חיים קעניגער/ פּאַריז

* * *

אין פאָרצעליי־מרכבה פון צעשטראַלטע הייכן
דער מלאך־הגואל, אין ווײַסן סאַמעט באַקליידט,
דעם סמבטיון פון יענער זײַט וויל דערגרייכן
און אָפּזוכן די אויסגעקוילעטע קהילה אין אַשיקן ראָד פאַרזייט.

אַרײַנגעוואַקסן אין לײדיקייט פון די רוימען
צעבליִען זיך די שפּראָצן אין יענוועלטיקער זײַט.
אין דערוועקטן בראשית צווישן אָדערן פון בלומען
וואַקסט אויס מײַן מאַמע אין בלויען קלייד.

דער צוויט אין שקיעה־ליכט ווערט רויט ווי בלוט
און באַלײַכט אין כּף־הקלע די טונקעלע אַלייען
ווו די מוראַשקעס אין שערענגעס גייען נאָך מײַן מאַמעס טריט
און דעקן אָפּ דעם קויש פון תּחית־המתים אירע שערבעלעך צו זען.

* * *

איך וואָלט דיר פאַרזאָגט מיין קינד
דעם שווערן וועג דורכגיין אַצינד —
אין דרויסן בלאָזט דער קאַלטער ווינט.
איך וואָלט דיר נייע מלבושים אויפגענייט,
מיינע זיינען אין פיר עקן צעשפּרייט,
געבליבן פאַרשימלט און נאַס
אין וואַרשעווער געטאָ אויף סטאַווקע גאַס,
די איבעריקע געוואַשענע אין רינשטאָק
געבליבן זיינען אין סאָוועטישן בינשטאָק —
אין פירעקן פון דאָרשטיקער גיהנום־וועלט
ווו כ'בין געווען פאַרשטייפט פון קעלט.
וואָלט איך איצטער נישט וועלן, מיין קינד,
ווען אין צפון בלאָזט אַ קאַלטער ווינט
דעם שווערן וועג זאָלסט דורכגיין אַצינד.

---

פון די דריי שילן, וואָס געפינען זיך היינט אין רוים, איז די גרעסטע די ספרדישע סינאַגאָגע ביים טייך טיבער. דער בנין איז אַ מייסטער־ווערק פון אַרכיטעקטור און די היסטאָרישע אויפשריפטן סימבאָליזירן די יידישע אָנגעהעריקייט אין דער דאָזיקער שטאָט.

ביים אַריינגאַנג אין געטאָ שטייט די גרויסע שיל "טעמפּיא איזראַעליטיקאַ" — און דאָס איז היינט דער צוזאַמענגעדרייטסטער באַזוכטער מקום קדוש אין רוים. פאַר דער פאָדערשטער וואַנט הענגט אַ בראָנזענער טאָוול מיט די נעמען פון די יידן, וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט אין רוים. די זייטיקע מויערן פון דער שיל זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרקאַן און ביים טויער שטייט אַ פריילעך יונג בחורל מיט אַ קויש סידורים און יאַרמולקעס, וואָס שטופּט ממש אַריין יעדן באַזוכער אין שיל אַריין און וויל נישט נעמען קיין מטבע פאַר אַ באַלוינונג. אַלץ וואָס ער וויל, איז פאַרקויפן אַ יאַרמולקע, און אויסבאָרגן דעם גאַסט אַ סידור, אַז ער זאָל אינעווייניק אַריינכאַפּן אַ מנחה. דאָס בחורל

**הינדע זאַרעצקי**/ ניו־יאָרק

## שפּיל אויף דיין פליית

פאר רבקה באַסמאַן

שפּיל
אויף דיין פליית
אַ ניגון
פון נירוואַנאַ
הער איך
רעגן און זון
קושן
וואָרצלען.
וואַקסן ביימער
קרוינען, ציען
אין חלל —
שפּילט ווינס
זומער
לשון
בלעטער־צוויט
פאַרווישט פּיין
פון פאַרגיין...

## ניגון

דער ניגון
פון מיין
ניט פאַרענדיקט ליד
וויגט זיך ערגעץ
אויף אַ צווייג
פון אַ קאַרשנבוים.
אין סאָד —
טרילערן פייגל
אין ציטער
מיט די צווייגן
נאָך אָפּגעבליטן
זומער צוויט...

* * *

גורל
ט'אויסגעבויט
אַ בריק
פון טרערן:
די זאַלציקסטע
פון טרערן...
ציט די בריק
איבער תהום
דורך
גאָלפשטראָם
פליסן וואַסערן,
רייסן גרונטן:
טראָגט זיך
פעטער דאַרווין
אויף זיין "ביגעל"
צו דערגיין
סוד
פון די מינים.

## פאַר מיין טויער

פאַר מיין טויער
שטייען אויטאָס
דרימלענדיקע
היגלען —
חלומען
פון —
הימאַלייער בערג.

קעניג פון געפליגל
פליט
אין חלל
אונטער
אזור־בלויען הימל
אַרויף
אַרויף
צום באַרג עווערעסט...

---

איז געבוירן אין רוים, אָבער ער רעדט אויך יידיש און צוביסלעך העברעאיש און ענגליש.

דער שמש פון שיל פירט מיט פרייד אַרום יעדן באַזוכער און דערציילט באריכות וועגן די היינטיקע יידן אין דער רוימישער געטאָ: אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די נאַציס אומגעבראכט צוויי טויזנט יידן, און די וועלכע זיינען געבליבן, האָבן נישט געוואָלט זוכן קיין נייע היימען אין אַנדערע געגנטן. דער שמש דערציילט אין העברעאיש, אַז אין רוים וווינען היינט צוועלף טויזנט יידן, איטאַליענישע, ספרדים און אשכנזים. ער וויל נישט מען זאָל מיינען, אַז זיין שיל איז בלויז א מוזעאַלער צענטער, ווו מען קומט זען רעשטלעך פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט. דאָס מקום קדוש איז אַ לעבעדיק הויז פון גאָט, מ׳דאַוונט דאָ מנהג איטלקי — זאָגט ער — מיטן ספרדישן נוסח. און הינטער דער שיל איז פאַראַן אויך אַ קליין שילעכל, ווו ס׳דאַוונען יעדן טאָג עטלעכע מנינים. דער בנין, וואָס שטייט שוין פינף און זעכציק יאָר, נעמט אויך אַריין אַ תלמוד תורה און אַ רבנישן סעמינאַר.

עקיבא פישבין/ פּאַריז

# שלמה זעלינגער — דער סקולפּטאָר

ביי אַ קינסטלער, בטבע, וועקט זיך די נטיה צו האַלטן אַ בלייפעדער אין דער האַנט גלייך אין די פריער קינדער־יאָרן. נישט ביי שלמה זעלינגער איז אַזוי געווען דער פאַל. מען זאָגט, אַז ביים גרויסן וואַן־גאָג האָט זיך די נייגונג צו קונסט אנטוויקלט צו דרקייצן יאָר. מעגלעך, אַז אויך ביי זעלינגערן וואָלט די זאַך אַזוי פּאָרגעקומען.ליידער האָט זיין גורל דערצו נישט דערלאָזט... מחמת ס׳לעצטע ביסל קינדער־יאָרן האָט אים דער נאַצי צוגעראַבעוועט. ער האָט אים צו דרייצן יאָר פאַרשלעפּט אין די לאַגערן אַריין! נאָך איידער ס׳האָט דער קליינער שלמה דעם טעם פון לעבן פאַרזוכט, האָט אים דער נאצישער תליון דעם טעם פון טויט דערלאַנגט צו פארזוכן. עטלעכע אומענדלעכע יאָרן האָט דער מלאך המות געטשאַטעוועט אויפן לעבן פון יונגן שלמה.

ווי אַזוי ער איז פון דער אוישוויץ־אימפּעריע אַרויס אַ גאַנצער? דאָס ווייסט נאָר איין גאָט אַליין: פּשוט — אַ נס מן השמים! אין דער טויט־מאַשין פון די נאַציס איז עפּעס קאַליע געוואָרן אַ שרייפל... און אפשר האָט דאָס שרייפל קאַליע געמאַכט גאָר אַמלאך פון הימל — דער שר פון קונסט — ער האָט שוין געהאַט די שליטה איבערן גורל פון יונגן שלמה.

ווען שלמה איז אַ ניצל געוואָרענער אַרויס אויף דער פריי, איז מיט אים געשען אַ פרישער נס, ממש אַן אומדערהערטע זאַך. קורץ נאָך דער באַפרייאונג, איז שלמה, אַ בחורל, הויט און ביין, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס, געפאַלן צו בעט און קראַנק געוואָרן אויף אַמנעזיע — ער האָט פאַרלוירן דעם זכרון! ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז דאָקטוירים האָבן אים צוריק געשטעלט אויף די פיס און אים געמאַכט פאַר א לייט. און דאָ — הערט מיט קאָפּ! ווען ער האָט צוריק געקראָגן מיט מזל דעם נאָרמאַלן באַוווסטזיין, האָט ער אין זיך דערשפּירט אַ שפּאָגל נייעם געברויך. שלמה, וואָס האָט אַפילו אין חלום וועגן קונסט נישט געטראַכט, האָט פּלוצלינג באַקומען אַ ווילדן חשק... צו צייכענען!. ווי קומט צו אַ ייִנגל, וואָס האָט קיין מאָל אַ בלייפעדער אין האַנט נישט גענומען, צו וועלן צייכענען? שווער אַזאַ קשיא צו פאַרענטפערן!

אָבער וואָס איז דאָ שייך צו רעדן? פרעגט מען דען ביי אַ ווולקאַן הלמאי ער טוט שפּייען מיט פייער? מסתמא האָט אין דעם בחורל שלמה געקאָכט אַ קעסל. אַן איינדרוק האָט דאָס נעמען זיך צום צייכענען געמאַכט, ווי ער וואָלט דאָס מענטשלעכע לשון פאַרגעסן און נאָר דורך בילד געקאָנט און געוואָלט זיין געדאַנק אַרויסברענגען. אַזאַ מאָדנע באַנעמעניש האָט אים אָנגעכאַפּט. און אַז דאָס שכרות פון קרעאַציע האָט ביי אים נישט אויסגעוועפּט, נאָר פארקערט, ס׳האָט באַהערשט אים אַלץ מער און מער — איז ער פון צייכענען אַריבער צו שניצן פיגורן פון האָלץ, און פון האָלץ שניצן איז ער אַוועק צום האַרטן שטיין און גענומען אויסהאַקן פון אים מענטשלעכע פאָרמען. קורץ און שאַרף — דער יונגער שלמה איז נתגלה געוואָרן ווי אַ קינסטלער מיט אַן אייגענעם אונטערשריפט. און אַז מבינים האָבן אָנגעקוקט וואָס דער בחור האָט צו דערלאַנגען, זענען זיי נתפּעל געוואָרן און אים פאַרזיכערט, אַז ער מעג שוין זאָגן: — אני שלמה! זייט דעמאָלט, ווען זעלינגער האָט מיט יוגנטלעכער העזה אַ דערלאַנג געטאָן לשון, איז אוועק אַ גאנג פון לאַנגע יאָרן. היינט, ברוך השם, איז שלמה זעלינגער אַ באַרימטער קינסטלער מיט מאָנומענטאַלע שאַפונגען אויף אַ שפּאָר ביסל שטאָטישע פּלעצער ברחבי העולם, מיט שאַפונגען אין מוזעאומס אויף דער וועלט און סתם אין פּריוואַטע קאָלעקציעס.

* * *

באַזוכט מען די קינסטלערישע וואַרשטאַטן פון שלמה זעלינגער, און ווען אַריינקומענדיק ווערט מען באַגריסט דורך עדות פון זיין שעפערישן לעבן — די אויסגעהאַמערטע און אויסגעקריצטע יצירות זיינע פון שטיין, האָלץ און מאַרמאָר ווערט קלאָר, אַז זיין עיקר־אינטערעס שטעקט אין דער געשטאַלט פון מענטש. בטבע, איז זעלינגער אַ קינסטלער, אַ רעאַליסט; אַ רעאַליסט אָבער פון אַן אָריגינעלן נוסח. זיין רעאַליזם האָט די פאַרב פון הומאַניסטישער ראָמאַנטיק. קודם, ווי א סקולפּטאָר, טראַכט זעלינגער וועגן זיינע פלאַכן און רוימען; אָבער נישט צו אימיטירן די נאַטור. אלא וואָס דען? פון דער נאַטור, גייט אים, דעם נשמה־ציטער אויפצוכאַפּן — איר גייסט, וויל ער, אויף דער אויבערפלאַך אַרויסהייבן. אונזער קינסטלער איז בלי ספק אַ רעאַליסט; אַ רעאַליסט וואָס אילוסטרירט זיין חלום. דער אָ קינסטלער קען נישט אָטעמען, אויב ער וועט נישט שאַפן פון ליניעס, פלאַכן און רוימען אַ האַרמאָניע, וואָס זאָל אויסמאָלן זיינע מחשבות וועגן מענטש און וועלט. שאַפט ער אַלזאָ אַ מין קונסט, וואָס איז אויסגעבאָדן אין טייכן ליכט און איר כאַראַקטער איז דער קול דממה דקה און מעדיטאַציע. דער איינציקער רעש דאָרט קומט פון דער זיידיקער ליכט־וויבראַציע, וועלכע באדעקט די גלידער פון זיינע שאַפונגען. דאָס דאָזיקע ליכט, וואָס העלפט באַהעלן זיין מחשבה, דאָס — זאָגט ער — האָט ער צו פאַרדאנקען דעם שמועס, וועלכן ער פירט מיטן חומר; מחמת ליכט געפינט זיך בתוך יעדן מאַטעריאַל; מען דאַרף נאָר דעם חומר איבעררעדן ער זאָל דאָס ליכט דערלויבן צו אַנטפלעקן.

די זעלינגערישע ווערק פאַרלאַנגען מען זאָל זיי געדולדיק באַטראַכטן און זיך איבער זיי פאַרטאַכטן. דער אוניווערס פון שלמה זעלינגער איז פון א פאַנטאַסטישן באַנעם. עפּעס האָט ער די מראה, זיין אוניווערס, ווי ער וואָלט נאָר וואָס פון דער געבער־מוטער פון אַ פרישן בראשית אַרויס. די אָ וועלט זיינע באַפעלקערט דער קינסטלער מיט גרויס־דימענסיעדיקע געשטאַלטן פון האַמעטנעם געפורעם, זייערע שטריכן טוט ער אָפּטמאָל בלויז סוגערירן. די אויסגעהאַקטע געשטאַלטן וועלן אויפן ערשטן אויגנבליק אייך פאַרקומען ווי פאַרשטיינערטע מאַריאָנעטן; מיט אַ ביסל געדולד אָבער, ווען דאָס אויג געוויינט זיך איין מיט זייער מראה, באַמערקט מען, אַז אין זיי שטראָמט אַן אינטענסיוו נשמה־לעבן. אפילו א מיסטישע התרוממות וועט איר ביי זיי אויפכאַפּן. שטעלט זיך די פראַגע: ווו האָט זעלינגער אַ מוסטער אַראָפּגענומען פון אַזאַ וועלט פון אור־מענטשלעכן באַגינען?

כדי צו פאַרענטפערן די אָ קישא דאַרף מען געדענקען, אַז שלמה זעלינגער האָט אין זיין ערב־פרילינגדיקן עלטער געזען, און אויפן אייגענעם נפש געפילט, ווי אינעם טויט־שטיקעניש פון די גאַז־קאַמערן, ווי אין די פלאַמען פון קרעמאַטאָריעס, איז א וועלט אונטערגעגאַנגען. די העכסטע מענטשלעכע ציוויליזאַציע איז געגוזקט געוואָרן; מיט מיטלען פון דער העכסטער טעכנאָלאָגיע האָט מען אומגעבראַכט דעם מענטש בצלם אלוהים. דאָס האָט ער געזען מיט די אייגענע אויגן! לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן, אַז אויף דער אוישוויץ־פּלאַנעטע, בשעת דער שקיעה פון מענטשלעכן מין, איז פון קליינעם שלמה דאָס געמיט צעריסן און צעפליקט געוואָרן — ביז אַריין איז אין אים דער פאַרפרירנדיקער גליוּוער. קומט אויס, אַז אין דער שטילעניש פון זיין אַמנעזיע, ווען געקוקט האָט ער בלויז מיט אויגן פון דער נשמה, האָט ער אינעם תהו־ובהו פון אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט דערבליקט אַ פרישן מענטשלעכן קאַיאָר — אַ פרישן ויהי אור! ווען אַן אויסגעוואַרעמטער אויף דעם נייעם ליכט איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין גליוּוער, ווען אַריין איז אין אים דער דיבוק פון יצירה, האָט אים אַ ריס געטאָן צו פורעמען דעם בן־אדם פון זיין נייעם בראשית.

אַז דער זעלינגערישער בן־אדם איז אַ סימן פון אַ געוואַלד־געשריי קעגן אוישוויץ, אַ סימן פון א צוגעוואָרפענעם גט אונזער הויך־טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע אָן האַרץ, נשמה און געוויסן — דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג. און דאָך — שלמה זעלינגער זעט נישט אויס צו זיין אַ חסיד פון יענער באַקאַנטער הנחה וועגן אַ גוטמוטיקן פּרא־אדם וואס טשעפּעט נישט אַ פליג אויף דער וואַנט און אים איז וויל, ווי די וועלט אין זיין פּרימיטיוון צושטאַנד. הראיה; דעם קינסטלערס פאַרנעמיקע שאַפונג פון גראָען גראַניט; דווקא האָט זי אַ נאָמען — ״אדם״. הכלל, זעלינגערס בן־אדם פון בראשית איז גאָרנישט אַזאַ גליקלעכער מענטש. אין זיין פּנים איז אַ טראָפּן פרייד נישטאָ. פאַראַן, אמת, אינעם שטיינערנעם געהיל פון ״אדם״ נאָך לייטישע שפּורן פון ״ויהי אור״ — מיט ליכטיקע ריטמישע ליניעס כוואַליען די ווערטיקאַלע פאַלדן פון ליבוש. ״אדם״ אַליין אָבער איז פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט. עפּעס טראַכט ער, דאַכט זיך, וועגן גורל פון די דורות, וועלכע ער האַלט ביים אויפשטעלן. און אפשר האָט אים פאַר די אויגן אַ פלאַטער געטאָן דאָס בילד פון פּאָעט: — ״מיר/ געקרייציקטע פון רוימער און פון דייטשן,/ מיר, די אויפגעלעבטע, מע זאָל אויף ס׳ניי אונז קרייצן,/ מיר, אַרויסגעטריבענע מיט ריטער און מיט בייטשן,/ מיר, אַריינגעטריבענע די קרעמאַטאָריעס הייצן.״ (מאיר חרץ)

די צוקונפט פון מענטש טוט בלי ספק קימערן שלמה זעלינגערן, דעם קינסטלער. זיין שאַרפע פילבאַרקייט זאָגט אים אונטער, אַז זיין ״אדם״ און זיין ״חוה״ מיט אירע צאַרטע, אָבער פאַרזאָרגטע שטריכן פון האַרטן גראַניט אויסגעהאַקט — אויך זי טראָגט נאָך די ליכטיקייט פון בראשיתדיקן ״ויהי אור״ — זיי זענען נאָך מיטן גן־עדן נישט פאַרזאָרגט... כאַפּט אדרבא אַ בליק אויף זעלינגערס ווערק ״דער נביא״ — אַ גראַניט־שטיין פון 60צנמ. די הייך. דער נביא, וואָס האָט נביאה געזאָגט, אַז מ׳וועט איבערשמידן שווערדן אויף אַקעראייזנס, און שפּיזן אויף צווייגמעסערס; אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן אַ שווערד און מ׳וועט נישט מער לערנען מלחמה, — דער אָ יידישער נביא פון איידעלן געדאַנק, ער זעט מיר אויס ביי זעלינגערן צו האָבן אַ ביטערן סוף. דער אשמדאי, וואָס האָט פאַר ״אדם״ און ״חוה״ די וועגן צו אַ לייטישער וועלט מיט גיהנומדיקע קאָנצלאַגערן פאַרשטעלט, ער האָט דעם נשמהדיקן נביא אין זיינעם אַ לאַגער פאַרשלעפּט, און דאָרט, זעט מיר אויס, אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעזעגטן בוים אים דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט... ליגט איצט, אויפן שיפּן פלאַך, דער קאָפּ פון נביא, און די בולט אונטערגעשטראָכענע שטריכן פון פּנים דריקן אויס די זיכערקייט פון טריבון: — און דאָך וועט מיין נביאה מקיים ווערן אַ מאָל! און דער שטאַם אַליין — אַ געפלעכט פון געקאַרבטע פלאַכן — וויקלט זיך און דרענגט זיך פון ווייטיק. אים האָט, אויס חרפּה אַ פלאַקער פון ליכט פאַרפלאַמט, צוליב דער רציחה, וואָס דער אשמדאי האָט אויף זיינע ״פלייצעס״ אָפּגעטאָן!...

יאָ, דעם אשמדאי און זיינע עמיסאַרן אויף אונדזער ערד, די זינדיקע, — זיי קאָן שלמה זעלינגער אויסגעצייכנט; זיי האָבן זיך לאַנג געקוקט אין די אויגן...

שלמה זעלינגער דערציילט, אַז לאַנגע יאָרן נאָכן בלוטיקן מבול האָט ער זיך אַרומגעדרייט מיט אַ שולד־געפיל. האָט מען דאָך אויף זיינע אויגן אומגעבראַכט יידן מאַסנוויז, ווי ווערעם; פאַרוואָס דווקא אים איז געלונגען פון דער עקידה אַרויסצוגיין לעבעדיק? אין וועלכן זכות האָט דער מלאך ביים נאַצי דאָס מעסער אָפּגעהאַלטן, ער זאָל אים דווקא דעם האַלדז נישט איינשניידן?

מאַכט זיך, אַז די תשובה אויף די פּיינלעכע געדאַנקען האָט זיך אונטערגערוקט בעת ער איז געוואָרן געוווּיער וועגן קאָנקורס אויף אַ שואה־מאָנומענט פאַרן געוועזענעם פּראַנצויזישן לאַגער אין דראַנסי, נעבן פּאַריז. ער האָט גלייך געוווּסט, זאָגט ער, אַז ער וועט דעם קאָנקורס געווינען. איצט, איז אים קלאָר געוואָרן, מחמת וואָס דער מלאך האָט

אים געראַטעוועט פֿון דער עקידה! ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז געבליבן איז ער ביים לעבן, בכדי ער זאָל לאָזן הערן די איבערגעריסענע שטימע פֿון אונדזערע קדושים. קורץ — ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער עבודה, צו דער עבודת הקודש! די שואה־טעמע, מוז מען באַטאָנען, איז פֿאַר אַ קינסטלער אַ סכנותדיקע טעמע; לייכט איז דאָ אין אַ חילול הקדושים אַריינצופֿאַלן. מיט יאָרן צוריק האָט דאָס אונטערגעשטראָכן דיעגאָ ריוויעראַ, אַ גרויסער מעקסיקאַנער נאָמען אין דער קונסט. ער האָט געשריבן: ״מיר קאָנען געציילטע בלויז וואָס זענען פֿעיק געווען אויסצודריקן מיט עמאָציאָנעלער שטאַרקייט און עמפּינדלעכקייט די דורכגעלעבטע טראַגעדיע (געמיינט מלחמה, אָדער שואה). די גרעסטע צאָל קינסטלער... האָט זיך באַגנוגנט מיט דער פֿאָרעם פֿון רעפּאָרטאַזש״.

אין דער יצירה פֿון זיינע שואה־מאָנומענטן טוט שלמה זעלינגער זיך אויסהיטן, ווי פֿאַר פֿייער, חלילה, נישט אַריינצופֿאַלן אין דער פֿאָרעם פֿון רעפּאָרטאַזש, נישט צו פֿיל לייגן דעם טראָפּ אויף דעם יום־יום ווירקלעכקייט פֿון דער אוישוויץ־אימפּעריע. פּאַראַפֿראַזירנדיק אַ געדאַנק פֿון דעם פּאָעט, דוד האָפּשטיין, קומט צו זאָגן, אַז אין דער באַהאַנדלטער שואה־טעמאַטיק איז נישט דער ״וואָס״ פֿון דער ווירקלעכקייט וויכטיק; וויכטיק איז דער עסטעטישער ״ווי אַזוי״, מחמת ״די קאָסמישע ווירקלעכקייט איז נישט שטענדיק קונסט, בעת די קונסט איז שטענדיק ווירקלעך״ — זאָגט ריכטיק ל. פּאָדריאַטשיק אין אַן עסיי וועגן דוד האָפּשטיין (״דורך טאָוולען פֿון געשיכטע״, ״יידי־שע קולטור״, מיי־יוני 1989).

איז ״ווי אַזוי״ באַהאַנדלט שלמה זעלינגער די שואה־טעמאַטיק? נישט מיט אַ שלאַקסרעגן פֿון געוויין, נישט מיט אַ שטורעם פֿון פּאַטעטיק. אַ רעד טאָן קינסטלעריש וועגן דער שואה הייסט ביי זעלינגערן דעם גלי פֿון איר טראַגיק אויפֿפלאַמען; אויסרייסן פֿון יציאת נשמה דעם קלימאַט ביי אונדזערע קדושים. ביי אַזאַ שטייגער איז דער חוב אָפּצוהיטן אין דער שאַפֿונג די מאַקסימאַלע שטילקייט, אַז דעם אָטעם אַזש פֿאַרכאַפּן זאָל זי, די שטילקייט, ביים צושויער. די שואה מאָנומענטן פֿון שלמה זעלינגער זענען טאַקע ווייט פֿון יעדן מין טעאַטראַלישקייט און גוזמאדיקן פּאַטאָס. ניט בנמצא זענען דאָרט די הויכע ספּעקטאַקולערע קלאַנגען. פֿאַראַן דאָרט נאָר די באַזונדערע קלאַנג־פֿאַרב פֿון ליכט, וואָס טוט מיט אַ שאַרף וויברירנדיק קול אַ געשריי — געוואַלד!!! דאָס ליכט דווקא אַרבעט מעשים אויסצופֿורעמען דאָרט דעם מענטשלעכן וויי. נו, און די געשטאַלטן פֿון דעם קינסטלערס שואה־מאָנומענטן — וואָס פֿאַר א מראה האָבן זיי ביי אים? זיי האָבן די מראה פֿון מענטשן ביים ראַנד פֿון תהום. אין דעם אָ מצב טוען זיך מענטשלעכע קערפּערס צונויפֿדרענגען און געזיכטער ווערן פֿאַרווישט, ווי אונטער אַ טומאַן. אזוי ברענגט טאַקע זעלינגער זיינע שואה געשטאַלטן אַרויס. אויף די שואה מאָנומענטן זיינע דערשיינען צונויפֿגעדרענגטע געשטאַלטן וואָס האָבן פֿאַרלוירן כמעט יעדע מענטשלעכע צורה און פֿאָרעם. דאָס וואָס רייסט דאָרט דעם צושויערס אויג זענען, דער עיקר, די כוואַליענדיקע קרעשטשענדאָ־ליניעס פֿון פֿיגורן, ווי זיי וואָלטן אין די עולמות עליונים אַרויף שטייגן. בכדי מזכיר צו זיין דעם יידיש־חורבנדיקן אויסקלאַנג ברענגט דער קינסטלער אין זיין ווערק אַ דעליקאַטע יידישע פֿאַרב וואָס טוט אַ טשעפּע דאָס אויג, ווי למשל — דער זשעסט פֿון א האַנט אויף די אויגן במשמעות, דעם יידנס לעצטע לעבנס־רגע מיטן ״שמע ישראל!״ אויף די ליפּן (״על מלא רחמים״־מאנומענט, שטיין־5,30מט. הויך, מערב דייטשלאנד; מאָנומענט געווידמעט די צדיקי אומות העולם, ״יד ושם״־ירושלים, גראַניט־3,35מט.). אדער די יציאת נשמה פֿון בחור מיטן של ראש אויף דעם שטערן (מאנומענט אין דראנסי), אָפּגערעדט, וואָס די אַרכיטעקטור פֿון דראַנסי־מאָנומענט איז אַ ריזיקער ״ש״־אות פֿון גראַניט. איצט, אין דעם מיטל־טייל פֿון ״ש״ האָט זעלינגער אויסמאָדעלירט און סטיליזירט די טראַגיק פֿון

דער שואה. שוין דער געבוי אַליין פון מאָנומענט אין דראַנסי ברענגט אַריין דעם צושויער אין אַ שטימונג פון מחשבה.

באַטראַכט מען די זעלינגערישע שואה־מאָנומענטן, די צונויפגעדרענגטע, ווי אין א קנויל, מענטשלעכע פיגורן אין א דינאמיק פון וויגנדיק־שטייגנדע באַוועגונגען, באַקומט מען אַ קלאַפּ אין האַרץ. געוואַלד ! ! ! האָבן דאָך אונדזערע קדושים אין די גאַז־קאַמערן — לפי א מחבר — אויף אַזאַ שטייגער אין אַזעלכע באַוועגונגען זיך געראַנגלט אין זייער קאמף פאַר א טראָפּן אָקסיזשען !... (זע ד״ר מיקלאָש נישלי, ״אַ דאָקטער אין אוישוויץ, זכרונות פון אַ דעפּאָרטירטן דאָקטער״, פּאַריז, זשיליאַר־פאַרלאַג, 1961, ז. 58־57).

יאָ, שלמה זעלינגער איז אַ קינסטלער, ווי אין פסוק שטייט : — ״ער עפנט דעם טיפן אָפּגרונט און ברענגט אַרויס די פינצטערניש צום ליכט״ (איוב). שלמה זעלינגער איז אַ קינסטלער, וואָס טריפט אַריין זיינע הייסע טרערן אין קאַלטן און האַרטן גראַניט און מאכט אים רירנדיק און צאַרט. און דאָך, איז זעלינגער, דער מקונן פון יידישן בראָך, אַ מהלך ווייט פון יאוש. אויך ער זאָגט, ווי מלך ראַוויטש, דער פּאָעט, אין זיין ״ויהי באחרית הימים״ : ״יידיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות״. ווען איר טוט אומקרייזן דעם שואה־מאָנומענט אין דראַנסי, כאַפּט איר אויף אין די פאַלדן זיינע אַ מין ווידערשטאַנדס־כוח, אַ מין שטאָלץ מיט פייערדיקער אמונה צונויפגעשפּינט, וועלכע רופן זיך איבער מיטן קול קורא פון ״נביא״. יאָ, זעלינגער מעג דרייסט אויף זיין קאָנטאָ איבערנעמען די פערזן פון מלך ראַוויטש : ״יידיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות/ כאָטש מיינע ציינער קריצן שאַרף/ פון ווי און צום הימל ביילן זיך די פויסטן,/... דיין שליחות, יידיש פאָלק, איז דער וועלטס געוויסן אויפצוטרייסלען.

* * *

פאַראַן אין שלמה זעלינגערס קונסט נאָך אַן אַספּעקט וועגן וועלכן מען דאַרף זאָגן אַ וואָרט. דער נאַצישער טויט־רעזשים, דאָרט, אין דער אוישוויץ־אימפּעריע, האָט טאַקע די סוף־קינדער־יאָרן דעם קינסטלערס צעבראָכן און צעלאָמניעט ; פאַרניכטן אים אָבער, אָפּסמען ביי אים אין גאנצן דעם חשק צום לעבן — דאָס איז די נאַציס נישט געלונגען. פאַרקערט, ווען געקומען איז ער צוריק צו די כוחות, ווען דאָס שיכרות פון יצירה אין אים האָט גענומען אַלץ מער און מער אַריינדרינגען ביז ס׳האָט זיך אויסגעמישט מיטן העמאָגלאָבין פון זיין בלוט — דעמאָלט ערשט האָט זיך דערוועקט אין אים דער אמתער דראַנג צום לעבן. ער דערציילט, אַז די ל״ו־ניקעס, די אסירים, וועלכע האָבן אים מדריך געוועזן אין זיינע לאַגערן, זיי האָט ער אַ שטיק צו פאַרדאַנקען, וואָס ער האָט נישט פאַרלוירן דעם צלם אלוהים, און דעם לוסט צו לעבן, הכלל, ווען ס׳פאַלט אויף אים אַ פרוכטיקער חלום, און דעם חלום פאַרטרייבט די כמאַרעדיקע קאָשמאַרן וואָס נאָגן זיין האַרץ, גיט אַ ציטער זיין נשמה מיט אויפגעבליטער פרייד. כאַפּט ער שוין, שלמה זעלינגער, די כלים זיינע און נעמט זינגען אַ יום־טובדיקן שיר צום לעבן. און אַזוי ווי דער כוח היצירה איז ביי אים גרויס — ער קאָן אין דעם האַרטסטן שטיין אַ לויטער־ניגונדיק געפיל איינפּעדעמען — צעזינגט ער זיך, אַז כל עצמותיו תאמרנו ! ער קריצט אין שטיין, שניצט אין האָלץ, און געבוירן ווערן אונטער זיינע פינגער ס׳רוב רעליעף־אַרטיקע שאַפונגען. דהיינו ? צאַרטע, סענסועלע, לירישע פּאָעמעס וועגן ליבע און אַפּעטיט צום לעבן, אָדער סתם אגיל ואשמח־הימנען צו פרייד און נגינה. און אויף ס׳ניי איז דער הויפּט מחותן אויף דער שמחה דאָס אויפגעלייגטע ליכט ; ער העלפט אַרויסהעלן די צעטענצלטע פרייד פון קינסטלער. אָט, נעמט צום ביישפּיל דעם האָלץ־רעליעף פון אַ מעטער די הייך — ״חנה מיטן פידל״. מילא, בליצט דאָ דאָס ליכט, אַזוי ווי חנה׳ס שפּיל אויפן פידל ! חנה שפּילט דען אויף איין פידל ? מיט פלאַם פון התלהבות האָט דאַ די

גרוינאַ קאהן/ מאָנטרעאל

# געווידמעט שלום שטערן

רו, גוטער פריינד מיין, רו!
״נעם אויף, גאָט, אַ זינדיקע נשמה״.
ווער פון אונדז האָט ניט געזינדיקט,
ניט געבלאָנדזשעט,
אויף דער זינדיקער ערד?
רו, גוטער פריינד מיין, רו!
דו ביסט אַדורך אַ וועג אַ שווערן
געקעמפט האָסטו דיין גאַנצן לעבן,
דעם טויט באַקעמפן נישט געקענט.

ער האָט אַרומגענומען יעדן גליד,
דיין קלוגער קאָפּ האָט זיך געראַנגלט
ביז צום סוף
און אויסגעזונגען נאָך דאָס לעצטע ליד.
אָבער דיין אָנגעווייטיקט האַרץ האָט
אויפגעהערט צו קלאַפּן,
זיך אָפּגעשטעלט דער רודער פון דיין שיף.
האָסט אונדז פאַרלאָזן, ווען אַלץ בליט,
אַוועק פון אונדז אויף אייביק,
״קליינער״־גרויסער ריז
עס טרויערן די אותות פון דיין ״אלף־בית״.

רו, גוטער פריינד מיין, רו!
און זאָל גאָט עפענען פאַר דיר
״פון רחמים דעם טויער״.
איך בעט פאר דיר, מיין פריינד,
ווי דו סט׳געבעטן פאַר דיין פאָלק.
זאָל מיין געבעט מקוים ווערן,
אויסגעלאָשן זיך אַ גרויסער ״שטערן״...
רו, גוטער פריינד מיין, רו!

1990

---

פידלעריַן צעוויכערט אַ ים מיט קלאַנגען, גלייך ווי געטראָגן פון גאַנצע פיר פאַרכישופטע פידלען. נו, מאַ! האָט די חנה אַ פידל־טעכניק! נישט אַנדערש, נאָר ציעאַכמערט האָבן דאָ חנה׳ן די טייוולאָנישע קאַפּריטשיאָס פון פאַגאַניני.

נו, און וואָס האָט דעם קינסטלער אַזוי שטאַרק צעיאַכמערט, אַז ער האָט בולט אַזוי און עקספּרעסיוו צעוויכערט די סטיכיע פון מוזיק? דאָ האָט שוין אַ סברה געווירקט זיין דורשט נאָך פרייד און לעבן. דער געברויך פון דעם אָ וויטאַמין האָט איינגעשפּאַנט אלע כוחות פון זיין טאַלאַנט, צו הילף גענומען דעם אלטן שותף זיינעם — דאָס ליכט, און געבוירן אַן אָפּטימיסטישע העלע קונסט, וואָס פינקלט מיט ריטעם, דינאַמיק, מיט העלע פאַרבן און קלאַנגען.

אדרבא, וואַרפט אויף טשיקאַוועס כאָטש איין־איינציקן בליק אויף זעלינגערס מעטערדיקן רעליעף פון העלן האָלץ; ער הייסט ביי אים ״די מוזיקאַנטן״. די פיר

יוסף האָרן/ בוענאס איירעס

# אייגנקייט און מדרגה — אונדזער זכות־הקיום

## פאַרצייכענונגען

ווער עס וויל אַריבערשפּרינגען די עפּאָכע אשכנז אין דער יידישער געשיכטע און וויל מבטל מאַכן דאָס שאַפן אין יידיש, דעם אויפקום און די ראָל פון דער נייער יידישער קולטור־באַוועגונג — אין אַלערליי פאַרמען — זעט די געשיכטע און דעם גאַנג פון אונדזער פאָלק, מיט פאַרמאַכטע אויגן. עס קומט לעצטנס אויס צו לייענען, אַז יידיש שאַפן, די אַזוי גערופענע וועלטלעכקייט, האָט גאָרנישט געגעבן, דערביי מאַכט מען זיך פאַרגעסן אין דער נייער יידישער ליטעראַטור, יידישע שולן, יידישע פּרעסע, יידיש טעאַטער און נאָך און נאָך.

געוויס, האָבן זיך איינשטעלן, אָפּשאַצונגען אין לויף פון יאָרהונדערטער געענדערט. דער אויפקום פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג, דער אויפקום פון יידישן אַרבעטער, די צוויי וועלט־מלחמות, דער דריטער יידישער חורבן און דאָס אַנטשטיין פון מדינת־ישראל האָבן פיל געענדערט דעם אָפּשאַץ און דעם דרך פון יידישן פאָלק.

מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, למשל, האָבן אַ ריי יידישע וואָרט־זאָגער, בעלי־מחשבה, אַנדערש געטראַכט און געשריבן, ווי עס שרייבן און טראַכטן וואָרט־זאָגער אין די לעצטע דורות. נאָך פאַר דעם דריטן יידישן חורבן האָבן אַ ריי יידישע שעפערישע פיגורן, וואָרט־זאָגער, פערזענלעכקייטן, אָנגעוויזן, אַז די מאָדערנע יידישע קולטור איז נישט קיין באַזונדערע, אָפּגעריסענע דערשיינונג, נאָר ציט די וואָרצלען פון און צום תנ״ך, צו בראשית און פאַרגאַנגענהייט, די פאַרשידענע עפּאָכעס זענען אונדזער אייגנקייט און די נייע מאָדערנע יידישע קולטור=באַוועגונג איז אַ מין נייער גאָרן אויף דער אַלט־אַלטער געביידע, וואָס יידיש פאָלק שטעלט פאָר מיט זיך אין וועלט־פאַרנעם. עס איז דעריבער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס אַ יידישער געלערנטער פון אונדזער דור איז אַפילו שוין דערגאַנגען צו פאַרגלייבן די נייע יידישע ליטעראַטור מיטן תלמוד בבלי.

---

מוזיקאַנטן פייערן מיט דער סטיכיע פון ששון ושמחה; אפשר נאָך אין אַ מדרגה העכער, אויב נישט נאָך העכער, ווייל אויפ׳ס כוח וויל אונז דער קינסטלער איבערצייגן, אַז חושכניש פון דער נאַכט איז נישט קיין אייביקייט!

* * *

די יצירה פון שלמה זעלינגער דערלאַנגט אייך אַ שפע עסטעטישן גענוס. זי ווירקט אָבער אויך אויפן באַוווסטזיין פון מענטש. האָט דאָך אַ מאָל אַ מבין פון די ערשטע אויף אונדזער קינסטלערס טאַלאַנט, אַנדרעי מאַלראָ, געפּסקנט: "די זאָרג פון קונסט איז צו זיין וויזועל און מעדיטאַטיוו אין דער זעלבער צייט".

די קרוין פון שלמה זעלינגערס קונסט איז בלי ספק דער ציכטיקער הומאַניזם. נישט בחינם איז זיין עשירותדיקע שאַפונג דורכגעפלאָכטן מיטן יידיש־נביאישן טרוים. נעמט דאָך זעלינגער אזוי אָפּט די תנ״כישע טעמע אויף זיין וואַרשטאַט. די אָ טעמאַטיק זיינע פאַרלאַנגט אַ גרינטלעכן אַריינבליק.

הכלל, די יידישע וואָרצלען פון שלמה זעלינגער, וואָס דערנערן זיין וועג, און וואָס שטאַרקן זיין געמיט, זיי האָדעווען אויך זיין בטחון און די טיפע אמונה זיינע, אַז דער מענטש אין זיין געראַנגל וועט די חיה רעה באַזיגן — ער מוז זי באַזיגן! נישטאָ קיין אנדער ברירה.

שפּעטער האָט דער דיכטער מלך ראַוויטש פּאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ נייעם תנ״ך, און דער ליטעראַטור־פאָרשער ברוך ריווקין איז געקומען מיט זיינע קלינג־ווערטער: ״ליטעראַטור במקום טעריטאָריע״. אין דער זעלבער צייט זענען אין דער יידיש־וועלט אויך געווען ״פּראָגרעסיווע״, וואָס האָבן די וואָרצלען צו און מיט עברית געוואָלט איבערהאַקן און די העברעיִשע ווערטער געשריבן לויט פאָנעטישן אויסלייג. שיטות, פּאָרויסלויפער קאָנען אויפקומען אַלערליי. עס איז אָבער אַזוי נישט געבליבן און יידיש שאַפן פון אַלערליי דורות — איז ניט געקוקט אויף אַלע שאַטירונגען — איין אייגנקייט.

דאָס וויל נישט זאָגן, אַז עס האָט געהערשט פולע איינִיקייט און גאַנצקייט. די אויפגעקומענע באַוועגונגען זענען געווען און געבליבן אַנדערש אין זייער וועלט באַנעם, פּאָליטישן און פילאָזאָפישן איינשטעל, מאָראַל און עטיק. יידישע אייגנקייט און מדרגה איז אָבער געווען און געבליבן דער זכות־הקיום אונדזערער.

רבי נחמנס ״מעשיות״, זענען געבליבן אַ גרונט יסוד אין יידיש שאַפן. אַ. מ. דיקס פאָלקס־מעסיות וואָרצלען טיף אין יידיש שאַפן, פונקט ווי חסידישע ״פאָלקסטימלעכקייט״ איז געבליבן אַ הויפּט־יסוד, און די קלאַסיקער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור — יעדער אויף זיין אופן און דרך. און אפשר זענען גאָר אַזעלכע רביים אין לעבן ניט געווען, ווי עס האָט זיי אויסגעחלומט און אויספאָרמולירט י.ל. פּרץ. די נייע אידעען, נייע שעפערישע כוחות, וואָס האָבן געצויגן אין פאַרשידענערליי וועגן, האָבן תמיד צוריקגעקערט צו אייגנקייט, צו זיך, צו אייגן פאָלק.

עס זענען אויפגעקומען מחנות יידישע שרייבער, דיכטער, דערציילער, עסעיסטן, איבערזעצער, זשורנאַליסטן, פעליעטאָניסטן: ה.ד. נאָמבערג אַ. מ. ווייסנבערג, שלום אַש, דוד פינסקי, מ. ספעקטאָר, יהואש, אברהם רייזן, דוד בערגלסאָן, דוד איינהאָרן, מנחם א.א. עס האָבן געזונגען מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, אברהם ליעסין, מאָריס ראָזנפעלד, מאני לייב, דוד איגנאַטאָוו א.א.

לאָנדאָן איז געוואָרן אַ יידישער שאַפונג־צענטער, מיליאָנען יידן האָבן געצויגן קיין אַמעריקע און ניו־יאָרק איז געוואָרן אַ גרויסער יידישער שאַפונג־צענטער, פּוילן איז געווען פול מיט יידיש לעבן און שאַפן און אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן טייל געוואָלט בויען יידיש לעבן, לויט סאָציאַליסטישן שטייגער.

וויפל ענדערונגען און איבערקערענישן אין וועלט־באַנעם עס זענען אַלץ פּאָרגעקומען, לאָמיר זאָגן, אין די לעצטע הונדערט יאָר יידיש לעבן.

אין 1908 איז פּאָרגעקומען די ערשטע יידישע שפּראַך=קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, בעת עס האָבן נאָך געלעבט די יידישע קלאַסיקער:, מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און י.ל. פּרץ, און דעמאָלט האָט מען גערעדט פון איבערזעצן דעם תנ״ך אין יידיש, און אין יאָר 1978 האט דער יידישער פּראָזע־קינסטלער יצחק באַשעוויס זינגער באַקומען די נאָבל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור.

אזא שפּרונג אין דער הייך פון אַ לשון, וואָס האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק געשריבן דאָס וואָרט אלע, למשל, מיט צוויי לאַמעדן און וואָס נוגע אויסלייג האָט ממש געהערשט כאָאָס! יידיש האָט זיך געאיידלט, געוואָרן רייך און יידישע שרייבער פון אייראָפּע און אַמעריקע האָבן מיט זייער שאַפן זיך געלאָזט הערן. עס זענען אויפגעקומען פאַרשיידענע גרופּן, און יעדע גרופּע האָט אַרויסגעגעבן ניט בלויז עכטע שרייבער, נאָר באַרימטע וואָרט־קינסטלער.

אַפילו אויפן שוועל פון גיהנום: אוישוויץ, טרעבלינקע, זענען אויפגעגאַנגען יידישע שרייבער, און זייערע שאַפונגען האָבן געוויזן, אז ס׳ציט צו אייגנקייט, צו אייגן פאָלק.

ווי דער היסטאָרישער מן, וואָס יידן האָבן געגעסן און געפילט אין אים אַלע טעמים, אַזוי שפּירט מען אין יידישן שאַפן כמעט אַלע שיטות און שאַטירונגען אין יידישן לעבן. ענדערונגען, בייטענישן, דער תוך בלייבט אָבער: אייגנקייט פון פאָלק און מדרגה. אָן די

צוויי תוך פּרינציפּן וואָלטן מיר נישט אָנגעהאַלטן אונדזער לעבן אלס פאָלק אין דער ברייטער וועלט.

ווי אַ ביישפּיל ווילט זיך ברענגען שורות פון אייניקע דיכטער, יידיש וועלטלעכע, וואָס זינגען צו גאָט. דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין זאָגט אין זיין "גאָט פון די אבות" צווישן אנדערס: "מ'האָט פאַרשפּאָרט לויפן פון דיר, כדי דיך צו זוכן אויף קרומע וועגן, ס'איז דיר גאָרנישט אָפּגעקומען, אַז מ'האָט אין דיר געלייקנט. אַז מ'האָט דיך פאַרדאַוונט מיט גלויבן האָט מען דיר אויך נישט געמאַכט קיין מענטליק. סיי ווי האָבן יידן אָן זייער גאָט געהאַט אַ פּנים פון חוזק".

אַ צווייטער דיכטער, א. לעיעלעס, שילדערט דעם גאָט פון ישראל אָט ווי אַזוי: "דער גאָט פון ישראל איז קאַרג. ער וויל נישט אָנפילן זיין מוזיי מיט סטאַטועס, ער וויל אין קיין פּאַלייען נישט וווינען, דער יידישער מוזיי האָט ווינציק פאַרשווינען, א חנוכה־לעמפּל, א פּרוכת, א מגילה, א בשמים ביקסל, א תפילין־זעקל. א מנורה, כתר תורה, מכשירים פאַר מילה, אַ פאַרצייטיקער כתב־יד, נאָך אַ מאַנוסקריפּט, נאָך א מאַנוסקריפּט, געוויקלט, געבונדן, פאַרקנופּט, אותיות אין אותיות פאַרליבט." און דער אויספיר איז: דער גאָט פון ישראל איז אַ גערעכטער מאָנער, דער גאָט פון ישראל איז אַ קאַרגער מאָנער."

דער דיכטער מלך ראַוויטש זאָגט אין זיינע "פּראָסטע רייד מיט גאָט": "נישט אין טלית און תפילין קום איך צוריק, אין אינהאַלט קום איך און נישט אין פאָרעם, און קום ווי אַ מענטש און נישט ווי א וואָרעם". און דער דיכטער פירט אויס: "איך האָב געזען כי טוב, אַז דו ביזט גוט, אָן של יד, אָן של ראש דער קאָפּ, אָן ציצית און וואָכעדיק איז מיין קלייד, דערלאַנג מיר דיין האַנט. די געטלעכע יד, איצט, היינט און די אייביקייט."

לאָמיר פאַרענדיקן מיט ה. לייוויקס "תפילה", אין וועלכער דער דיכטער זאָגט אָט וואָס צו גאָט: "האָסט איין מאָל נאָר פאַרמיטן, אַז אויף אַ האַלדז זאל ניט אַראָפּפאַלן דאָס מעסער, דער אויסשטרעק פון א יצחק האַלדז איז זינט מוריה, פאַרבליבן דער געזאַלבטער צייכן פון אַ יידן לעום ועד".

עס לאָזן זיך ברענגען שורות פון פיל לידער, פאָעמעס ביי פיל מחברים, וואָס שילדערן פאַרשידענע צייטן, עפּאָכעס אין דער וועלט און אין יידישן לעבן און שיינען אַרויס פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל זיי האָבן אין תוך געצויגן צו אייגנקייט אין זייער אופן שאַפן, מחמת אייגנקייט און מדרגה איז אונדזער זכות־הקיום.

## פון דער רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג

**אונדזער לאַנגיאָריקער פינאַנס־סעקרעטאר און אַדמיניסטראַטאר גרשון פרידמאַן האָט, צוליב זיין פאַרערגערטן געזונט־צושטאַנד, געמוזט רעזיגנירן פון זיין אַמט.**

**מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק און אָנערקענונג צו פר' גרשון פרידמאַן פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט און ווינטשן אים געזונט און אריכות יומים.**

**מיט אַלע פינאַנסיעלע ענינים בעטן מיר זיך ווענדן צום נייעם פינאַנס־סעקרעטאר פר' פר' נתן שטיינמאַן.**

**רעד. און פאַרוואַלטונג**

**פון חשבון**

יצחק קאַהאַן/ מעלבורן

# אַ. ריבאַקאָווס אינטערוויו און י. אָקרוטניס
## ״טויבע טעריטאָריע״

דער מיטאַרבעטער פון ״דבר״ גדעון קוץ, האָט אין פּאַריז געשמועסט מיט ריבאַקאָוון וועגן זיין וועלט־באַרימטן ווערק ״די קינדער פון אַרבאַט״. אין ״דבר״ האָט ער געשילדערט דעם כאַראַקטער פון זיין אינטערוויו אין וועלכן ריבאַקאָוו האָט דערציילט וועגן זיך אינטערעסאַנטע פּרטים פון זיין לעבן און שאַפן. ווייזט אויס אַז זיין קומען קיין פּאַריז איז געווען פאַרבונדן מיט דער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון זיין באַרימטן ווערק, וואָס איז שוין געוואָרן איבערגעזעצט אין 33 שפּראַכן. אויף רוסיש האָט דאָס בוך זוכה געווען צו אַ פאַנטאַסטישן דערפאָלג. צוערשט איז עס פאַרשפּרייט געוואָרן אין 150 טויזנט קאָפּיעס און ביז היינט זענען נאָך אין דער רוסישער שפּראַך פאַרשפּרייט געוואָרן 2 מיליאָן און 600 טויזנט קאָפּיעס, און אין 1989, אין פאָרם פון אַ טאַשנבוך ־ 6 מיליאָן קאָפּיעס.

וועגן זיין שרייבערישער קאַריערע, דערציילט ריבאַקאָוו, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין שפּעטערן עלטער. זיין ערשט בוך איז דערשינען אין 1946, ווען ער איז שוין אַלט געווען 37 יאָר. רעדנדיק וועגן די מלחמה־יאָרן באַטאָנט ער, אַז אין 1940 איז ער געוואָרן מאָביליזירט און דורכגעמאַכט דעם קריג אויפן פראָנט און אים פאַרענדיקט אין בערלין, אין 1945. אין 1946 איז ער צוריקגעקומען קיין מאָסקווע און פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וויל ווערן אַ שרייבער — ווייל ער האָט וואָס צו דערציילן — דאַרף ער איצט אָנהייבן, אַנדערש וועט זיין צו שפּעט. ״און טאַקע דעמאָלט זיך אַריינגעוואָרפן אינעם זודיקן וואַסער פון דער ליטעראַטור. אַ סך ווערן דאָרט דערטרונקען. איך האָב מצליח געווען אַרויסצושווימען מיט מיין ערשטן בוך, וועלכער האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער יוגנט פון מיין דור און זיין השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזער געזעלשאַפט. די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן האָבן איבערגעלאָזט גרויסע ווונדן אין אונדזער געשיכטע״.

ווייטער דערציילט ער, אַז ״די קינדער פון אַרבאַט״ האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין די פופציקער יאָרן. די צייטשריפט ״נאָווי מיר״ (רעדאַקטאָר — טוואַרדאָווסקי) האָט מסכים געווען אָפּצודרוקן דעם ראָמאַן בתנאי, ער זאָל באַזייטיקן די צוויי קאַפּיטלען וועגן סטאַלינען. דאָס איז געווען אין 1966, נאָכן אַראָפּזעצן כרושטשאָוון, און מ׳האָט זיך דעמאָלט באַמיט נישט צו ריידן אויף סטאַלינען. אין 1987 האָט ריבאַקאָוו פאַרענדיקט דעם דריטן טייל פון בוך, וואָס אַ העלפט איז געווידמעט סטאַלינען.

ער באַמערקט, אַז 30 יאָר סטאַליניסטישע הערשאַפט האָבן געבראַכט מיט זיך שווערע עקאָנאָמישע שאָדנס דעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע מיר קענען נישט גובר זיין ביז היינט. די אָנגעזאַמלטע שאָדנס זענען טעכנאָלאָגישע, סאָציאַלע און דער עיקר — מענטשלעכע. ער דערמאָנט, אַז מיר האָבן פאַרלוירן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, נאָר דער גרעסטער שאָדן איז אפשר דער מאָראַלישער. ווען בלויז איין מענטש טראַכט פאַר אַלע — טראַכטן נישט די אַנדערע, אַז איינער באַשליסט — באַשליסן שוין נישט די אַנדערע. אַ פאָלק וואָס לעבט אין שרעק, איז נישט מסוגל צו איניציאירן און פּראָדוצירן. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן ווערן צוריקגעשטאַנען. מיר קענען זיך נישט דערלויבן צו בלייבן הינטערשטעליק. מיר זענען אַ גרויסמאַכט, נאָר סטאַלינס ירושה...

* * *

ווען איך האָב געלייענט ריבאַקאָווס קאַפּיטלען וועגן סיביר, איז מיר געקומען אויפן זכרון אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער, יוסף אַקרוטניס "טויבע טעריטאָריע". דער טיטל פון דעם בוך ווייזט אָן אויף דער טויטלעכער געגנט פון סיביר מיט איר פאַרפרוירענער ערד און מיט אירע ברענענדיקע קעלטן, וואָס האָבן אַוועקגעהרגעט דעם מענטש בעת דעם לאַנגן שאַרפן ווינטער. אויף אָט דער אומהיימלעכער טעריטאָריע, וואָס ליגט "אין טויבקייט נישט דורכצובויערן", האָט מען אַריינגעשליידערט באַטאַליאָנען מאָבילידירטע קירגיזן, קאַלמיקן און אַנדערע אַזיאַטישע מענטשן צו שאַפן פון זיי אַן אַרמיי פון סאָוועטישן הינטערלאַנד".

דער אונטערשייד איז צווישן 1934 (אין ריבאַקאָווס בוך) און אָנהייב פון די פערציקער יאָרן בעת דער אינוואַזיע פון ראַטנפאַרבאַנד דורך די היטלעריסטישע חיילות. די מאָביליזירטע בוי־באַטאַליאָנען האָבן געדאַרפט אין סיביר בויען פעסטונג־מויערן קעגן דעם שונא און "שמידן די וואָפן פאַר די ברייט אויסגעצויגענע שלאַכט־פראָנטן". אין די באַטאַליאָנען זענען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן יידישע פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּוילן, ליטע און זיך דערשלאָגן אַזש ביז אַלמאַ־אַטאַ.

אין זיין צוגעזאָגטן קומענדיקן ווערק, ווייס איך נישט צי ריבאַקאָוו וועט דערגיין צו די מלחמה־יאָרן, וועלכע עס באַשרייבט דער יידישער שרייבער יוסף אַקרוטני. אָבער אין מיין מחשבה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גרויסע טראַנספאָרמאַציע אויף דער סבירער ערד, ווי עס זעט עס ריבאַקאָוו אָנהייב די דרייסיקער יאָרן, און ווי עס זעט עס אַקרוטני אָנהייב די פערציקער יאָרן. היות ריבאַקאָווס בוך איז געלייענט געוואָרן דורך צענדליקער מיליאָנען מענטשן, איז נישט נייטיק איך זאָל דאָ ציטירן פון זיינע שילדערונגען פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין סיביר.

איך וויל זיך אָבער יאָ אָפּשטעלן אויף אַקרוטניס שילדערונגען בעת די מלחמה־יאָרן אין סיביר. אויף אַ ברייטער קאַנווע צייכנט אַקרוטני די סיבירער באַטאַליאָנען, צונויפגעטריבענע קנעכט פון אַזיאַטישן רוסלאַנד. די געלהויטיקע, שווערגופיקע מדבר־פאַרשוינען, וואָס האָבן אין די שוידערלעכסטע סיבירער פרעסט געדאַרפט אויפרייסן די פאַרפרוירענע ערד; הונגעריקע זענען זיי געטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט, האַלב פאַרפרוירענע האָבן זיי געריסן די שטיינערנע ערדן, בעת די ווינטגעס האָבן געשמיסן זייערע לייבער און צעוווּנדיקט זייערע הענט און פיס. דער מדבר־שטורעם האָט די הונגעריקע סטאַדעס מענטשן פאַרוואַנדלט אין קאַליקעס, ממש זיי אַוועקגעהרגעט.

אַקרוטני גיט קרעפטיקע שילדערונגען פון דער סיבירער טעריטאָריע און פון דער צונויפגעטריבענער סאָלדאַטשינע פונאַנדערגעטיילט אין באַטאַליאָנען, וואָס פּראַצעווען און לעבן מיט צאָרן, הונגער און חושך. מיט אַ קערנדיקער פּראָזע איז געצייכנט די מרה שחורהדיקע עלנטקייט פון די שקלאַפן־באַטאַליאָנען, זייער שטענדיקער הונגער און די פאַרצערנדיקע קעלט. די שילדערונגען פון דער גאָרקייט ביים אויסטיילן עסן פאַר די קנעכט, און פון דער צווייטער זייט — די פעטע באַטעמטע געקעכטסן פאַר די טעכניקערס און אָפיצירן, וואָס האָבן באַקומען פון כל־טוב, בעת די סאָלדאַטשינע און דאָס פאָלק האָט געקראָגן קדחת צום עסן — דאָס זענען באַקאַנטע זאַכן און דאָך ווערן זיי ווי ערשטמאָליק דורך אַקרוטניס פען.

אַקרוטני גיט נישט בלויז דעם סיפּור המעשה אין זיינע שילדערונגען און פען־צייכענונגען פון די סיבירער באַטאַליאָנען, ער באַלעבט די אַטמאָספער דורך אַ בילדערישער און פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישער פּראָזע. דער לייענער האָט דעם איינדרוק, אַז דער הויפּט־העלד, דער פּליט שמואל בוימווערק, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן אין דער סיבירער סאָלדאַטשינע, טוט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן און דערציילט אונדז פון זיינע קלעמענישן אין דעם "געפאַנגענעם מענטשן־עלנט", איינגעקלאַמערט אין דעם

באַטאַליאָן 1091 אויף דער סיבירער פאַרפרוירענער אונטערערד, אין דעם מענטשן־גרוב, ווו דער הונגער־וואָרם, די קעלט אין דרויסן און די אינעווייניקסטע קדחת־היץ האָט צעחרובט די מענטשלעכע מאַסע, זי פאַרוואַנדלט אין מיסט.

שמואל קראָשניעוויצער, דער דערשלאָגענער ייד, האָט זיך געראַטעוועט פון ברענענדיקן פוילן מיט גרויסע האָפענונגען, ביז ער מיט זיין יונג ווייבל, דבורה, האָבן זיך דערשלעפּט אַזש צום קאַזאַכסטאַן־לאַנד, צו דער אַזיאַטישער באַרג־שטאָט אַלמאַ־אַטאַ. ער מאַכט דורך די גרויסע נסיונות, ווי אַ סאָלדאַט אין דעם סיבירישן באַטאַליאָן, איבערגעברענט פון די אוממענטשלעכע יסורים, צוזאַמען מיט די אַלע, וואָס טיילן די גורלשאַפט פון דער סיבירער סאָלדאַטשינע בעת די אומדערטרעגלעכע ווינטערס. דאָך וויל ער זיך מיט אַלע כוחות קלאַמערן אין דעם ברעקל לעבן און גלויבן, אַז ער וועט קענען עס דערשלעפּן ביז נאָכן קריג. אָט די אילוזיע וואָלט אים נישט דערהאַלטן ביים לעבן, מחמת די סיבירער טייגע וואָלט אים פאַרצוקט, זי וואָלט אים צעריבן אויף שטויב, ווען נישט דער גליקלעכער צופאַל זיינער מיט דעם נאַטשאַלניק פּאָלאָנסקי, וואָס האָט אויך פאַרבלאָנדזשעט אין סיביר „פון אַ צווייטער ווייט“.

אָקרוטני, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם „סאָוועטישן גן־עדן“ בעת די מלחמה־יאָרן אין דעם אַזיאַטישן רוסלאַנד, האָט זיך גוט באַקענט מיט די אַלע שרייפעלעך פון דער נידעריקער און העכערער סאָוועטישער מאַשין, וואָס האָט צעריבן דעם מענטש און אים פאַרוואַנדלט אין אַ — „געוועזן־מענטש“... ער צייכנט פּראָפיל־פּאָרטרעטן פון דער נאַטשאַלסטוואָ, דעם קאָמיסאַר מיכאַילאָוו, דעם פּאָליטרוק וואַסיליעוו, אָדער גריגאָרענקא — די הויטשינדערס און אונטערטרייבערס פון דעם מערדערלעכן רעזשים מיט דער מאָראַל פון סדום...

אָבער פונקט ווי אַברהם אָבינו האָט געזוכט אין סדום אַ צענדליק צדיקים, אַזוי האָט אויך דער שרייבער אין אָקרוטנין נישט געקענט דערלאָזן צו באַנוצן זיך לגבי דעם גאַנצן סאָוועטישן אַפּאַראַטשיק מיט איין פאַרב — רשעות! ער האָט צווישן די פאַרפינצטערטסטע, גראָבהויטיק און האַרט־האַרציקע באָלשעוויקעס־קאָמיסאַרן אויסגעזוכט איינעם אַ נסתר, אַן אידעאַליסט מיט נשמה־גריבלענישן און מענטשלעכקייט. פּאָלאָנסקי, דער נאַטשאַלניק פון אינסטרומענטן־קאַנטאָר צווישן די סיבירער בוי־באַטאַליאָנען, איז אַ ליכטיקער פונק אין דעם אַרומיקן חושך. ער איז דער זעלטענער אויסנאַם ביי וועלכן עס איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דער פונק מענטש אינעם סיבירישן מדבר. אין צענטער פון זיין לבנס־פילאָזאָפיע שטייט טאַקע דער מענטש, („דער מענטש דאַרף זיין אַ מענטש, נישט מער און אויך נישט ווייניקער“) דאָס איז זיין אני־מאמין.

ער האָט שטאַרק געליטן פון די אַכזריותן און אומגערעכטיקייטן, וועלכע ער האָט געזען אַרום זיך, געזען די נסיונות פאַר וועלכע עס שטייען די אָרנטלעכע, וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרהיטן פון שטרויכלונגען. דורך אָט דעם פּאָלאָנסקי־טיפּ האָט אָקרוטני געצייכנט די רוסישע יחידים, וואָס לעבן און אָטעמען מיט מעשים טובים, ווי אַן אָאַזיס אין דעם מדבר פון אַכזריות. ער, פּאָלאָנסקי, לעבט מיט דער וויזיע פון דער גרויסער טראַנספאָרמאַציע אין דער וויסטער סיבירער טעריטאָריע, ווו עס וועלן אויסוואַקסן שטעט מיט זאַוואָד־גיגאַנטן. די טייגעס וועלן ווערן צענטערס מיט מאַטעריאַלן און רוישטאָפן פאַר פּראָדוקציע. די אויפבוי־אַרבעט איז געווען פאַר אים אַ רעליגיע און די „טויבע טעריטאָריע“ איז אים געווען נענטער ווי זיין אייגענע היים.

אויב עס זענען געווען אַזעלכע פּאָלאָנסקיס, זענען זיי אָבער בטל געוואָרן צווישן די מיליאָנען וואַסיליעווס און מיכאַילאָווס, וועלכע אָקרוטני שילדערט מיט בולטע פאַרבן: „מיכאַילאָוו רופט צונויף אומגעריכטע פאַרזאַמלונגען פונעם אַרבעטער־קאָלעקטיוו, ער

צעשפרודלט זיך מיט רייד און פאַטריאָטיזם... (בעת אַליין) זינקט מען אין פּראָסטינקער גזילה. ביי די דאָזיקע, ליגט שטענדיק אין פּיסק אַ שטיק ווילדגראָז פון מאַרקס׳ פּרומאַקישקייט, אָבער דער המון גייט אָנגעטאָן אין שמאַטעס און לאַכעס. אַ שיסל קרויט־באָרשט איז זיין קוויקעניש״...

עס איז גוט באַקאַנט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין ראַטנפאַרבאַנד מיט דער פּרשה ״ביאָגראַפיעס״. די יידישע פּליטים האָבן באַלד געכאַפּט דעם שניט און זיך אויסגעלערנט צו געדענקען, אַז יעדער איינער דאַרף זיין אַ קינד פון פּראָלעטאַריאַט, אַז טאַטע־מאַמע האָבן געוווינט אין אַ קעלער... שטענדיק האָט מען געמוזט זיין גרייט צו באַשרייבן דאָס אייגענע לעבן, אַנדערש איז מען נישט געוואָרן צוגעלאָזן צו וועלכער ס׳איז אַרבעט. אויף דעם פעלד זענען אויסגעוואַקסן אַ סעריע אַנעקדאָטן, און איינער פון זיי איז וועגן אַ זון פון אַ פּוילישן רבי, וואָס האָט זיך פאַרלוירן פון אָנהייב אויף דער פראַגע פון וואָס זיין פאָטער האָט געצויגן פּרנסה. ער האָט זיך אָבער שנעל געכאַפּט און אָנגעגעבן זיין ״פּראָלעטאַרישן״ יחוס, אַז זיין פאָטער האָט געפירט מיסט... אויף דער שאַלה פון אויספאָרשער פאַר וואָס ער האָט עס נישט אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס, האָט ער קלוג געענטפערט: ״איך האָב זיך פיינט צו באַרימען״...

אָקרוטני גיט פּרטימדיקע באַשרייבונגען פון זיין העלדס פאַקטישער און זיין שפּעטערדיקער צוגעטראַכטער ביאָגראַפיע. מיט בייסיקער סאַטירע שילדערט ער דעם פּראָלעטאַרישן יחוס־בריוו פון זיין העלד שמואל: ״דאָס האָט ער שוין געוווּסט, אַז בעסער איז מ׳איז אַ טרעגער, אַ פאַדלאָגע־וואַשער״. די פּליטים האָבן דאָס גוט איינגעחזרט צו זיין אויסגעהיט פון שטרויכלונגען... אויף דעם שווערן נע־ונד־וועג פון זייער לעבן אויף דער סאָוועטישער ערד, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַזוי פיל האַרבע נסיונות צווישן וועלכע דער גורל זייערער איז געהאַנגען אויף אַ האָר. יעדער איינער האָט געמוזט אויסגעפינען זיין באַזונדערן אופן אויפצוהאַלטן דעם גוף און די נשמה אין איין שטיק.

די יידן וואָס האָבן זיך דערשלעפּט צו די טונדרעס פון אַרכאַנגעלסק און קאָמי, אָדער צו די סטעפּעס פון קאַראַגאַנדע, האָבן דאָרט איבערגעלאָזט נישט ווייניק קברים... אין דער סיבירער פאַרפאַלנקייט, ווו דער חלף איז געלעגן אויפן האַלדז, האָבן די פּליטים זיך געשטיקט מיט זייער נויט און טרויעריקער איינזאַמקייט. זיי זענען געווען דערשלאָגן פון דער פחדיקער פרעמדקייט אַרום זיי און פון דעם נאָגנדיקן עלנט, באַגלייט פון די שטעכיקע בליקן פון די קאַזאַכקעס, וועמענס מענער זענען אַוועק אין פייער, אָדער אין די סיבירער בוי־באַטאַליאָנען. הינטער די פּלייצעס פון די פּליטים זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן דעם פלוצעמדיקן באַווייזן זיך פון די פרעמדע... אָקרוטני האָט פאַרצייכנט די חשדים געוואָרפן אויף די אָנגעלאָפענע אין ווייטן אַלמאַ־אַטאַ דורך די בייזוויליקע מיילער. אָט זענען עטלעכע ״בלימעלעך״: דער שונא האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין הינטערלאַנד, צומאָל אין קליידער פון פּויערטעס״ אָדער ״אַזוי לאַנג געווען ביי די קאַפּיטאַליסטן, געצירט זיך אין זיידנס, געפרעסן פעטע פלייש (און זיי נעמען צו דעם ביסן ביי אונדזערע קינדער״.

אוודאי האָט אַרויסגערעדט די גריזשענדיקע נויט, דער נישט געזעטיקער הונגער און דער געקלאָג פון די ווייבער און קינדער וואָס האָבן געדאַרפט פאַרטרעטן אין פאַבריק און אויפן פעלד די מאָביליזירטע מענער. דער ביסן ברויט האָט תמיד געפעלט, האָט מען די פאַרביטערונג אויסגעלאָזט צו די פּליטים.

ווייט נישט אַלע פון די אָרטיקע האָבן אַזוי גערעדט און געטראַכט וועגן די פרעמדע: ״היי, איר פרעמדע, וואָס זענט איר געקומען אָפּעסן אונדז די קעפּ. איר׳ט אַראָפּגעבראַכט אין אייערע קלומיקעס האַרבע קעלטן...״ ווייט נישט אַלע פון די אָרטיקע האָבן אַזוי גערעדט און געטראַכט, געווען אויך רוסישע מענטשן און אַזיאַטישע קרומאוויגיקע, וואָס

האָבן אַרויסגעוויזן מענטשלעכקייט, וואַרעמקייט צו די פּליטים. די קאַזאַכקעס האָבן אויך מיט באַוווּנדערונג זיך צוגעקוקט ווי גוט די מענער "ביעזשנצעס" באַהאַנדלען זייערע פרויען, גאָר אַנדערש ווי זייערקע פירן זיך...

אַקרוטני שילדערט די קאַזאַכקע, קאַטיאַ ליסיכינאַ, וועמענס מאַן מען האָט צוגענומען אין דער אַרמיי. ער גיט אַ שאַרף געצייכנטן פּראָפיל-בילד פון אַזעלכע רויטאַרמייערקעס, וועמענס "פּנימער זענען געווען לעבעדיקע מאַפּעס" פון דורכגעבראַנטע יאָרן. דער טרויער און עלנט-געקלאָג פון איר לעבן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער פלאַמענדיקער עלנטקייט פון איר סוב-לאָקאַטאָרקע, דבורה, וועלכע האָט געהאַט אין דער "וווינונג" אַ ברעט, וואָס האָט געדינט ווי אַ בעט פאַר איר... די שילדערונג פון דבורהס פאַראַ-טיף, די קראַנקייט, וואָס האָט חרוב געמאַכט איר גוף, ווערט דורכן מחבר אויסגענוצט צו צייכענען אַ ריי געשטאַלטן וואָס האָבן זיך באַמיט איר צו העלפן. באַזונדערס טיילט זיך אויס דער פּען-פּאָרטרעט פון ד"ר וואָלאַדימיר לויפער, מיט זיין טיפער איבערגעגעבנקייט צו דער קראַנקער פּליטה, פאַר וועלכער ער רייסט איין וועלטן. דבורה איז אַ הויפּט-העלדין אין דעם בוך און אַרום איר ביטער לעבן און גוראַנגל בעת איר שווערער קראַנקייט, האָט דער מחבר פאַרוועבט בילדער פון קאַזאַכסטאַנישן לעבן אין יענער צייט.

## ש. טענענבוימס אויטאָביאָגראַפישע ווערק

צווישן די צענדליקער ביכער וואָס ש. טענענבוים האָט פאַרעפנטלעכט אין לויף פון זיין לעבן, טיילן זיך אויס זיינע אויטאָביאָגראַפישע ווערק, "דער שר פון לעבן", "דער אמת זאָל זיין דיין שטערן", "אייזיק אַשמדאַי" און "איוב פון לעמבערג". די דערמאָנטע ווערק, זענען סיי זכרונות און סיי דערציילונגען — בעלעטריסטישע שפּריצן פון לעבן, קליינע דראַמעס פון דער גרויסער שטאָט און ברייטער וועלט.

אין "איוב פון לעמבערג" שילדערט ער עטאַפּן פון זיין לעבנסוועג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ ווינקל פון לובלינער גובערניע און דורכגעשניטן אַנטווערפּן, וווּהין ער האָט אויסגעוואַנדערט ווי אַ יונגער בחור. דאָרטן האָט ער "אָפּגעשפּאָרט" זיין לונגען-קראַנקייט. ער שרייבט מיט בענקשאַפט וועגן יענער טרויעריק-שיינער צייט: "די גרעסטע געשעעניש אין מענטשנס לעבן איז זיין יונגשאַפט, אָבער ער ווערט דערפון ערשט געוואָר שפּעטער"...

טענענבוימס צייכענונג פונעם יידישן לעבן אין אַנטווערפּן, און די פּראָפּיל-צייכענונגען פון אַ ריי טיפּן און פּערסאָנאַזשן, בעיקר פון די, וואָס ער האָט געקאָנט פון גאָר נאָענט, זענען אָבסערווירט מיט אַ שאַרף אויג. דאָס איז באַזונדער קענטיק אין זיין שילדערונג פון דער דרוקעריי, פון אירע באַלעבאַטים, די פאַמיליע פּירשט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט אין אַנטווערפּן.

טענענבוים האָט צוליב זיינע קראַנקע לונגען געמוזט יאָרן לאַנג זיין אַ פּאַציענט אין סאַנאַטאָריעס. אָנהייב די דרייסיקער יאָרן האָט ער אין דער וואַרשעווער בונדישער "פאָלקסצייטונג" געדרוקט אַ סעריע רעפּאָרטאַזשן פון סאַנאַטאָריע-לעבן, בילדער מיט בונטע פאַרבן, וואָס האָבן אין יענער צייט צוגעצויגן דעם אויפמערק צום יונגן שרייבער. די רעפּאָרטאַזשן זענען שפּעטער אַרויס אין בוך-פאָרם. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן מחבר, וואָס ער האָט באַנוצט די זעלבע ליידנשאַפטלעכע קאָלירן ביים שילדערן דאָס לעבן אין סאַנאַטאָריע אויך אין אַנדערע דערציילונגען, וועלכע ער האָט געשריבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן. מיר טרעפן אָפט ביי אים אָנגעצונדענע אויגן אָדער פלאַמיקע פּנימער. און ווען ער פלעגט ווערן גאָר צעפלאַמט, זעען אים אויס די פאַרשידענע פּערסאָנאַזשן, וועלכע ער האט געזען אין אַנטווערפּן "אַיין פייערלעכע געשלאָסענע פּראָצעסיע פון נביאים, דיכטער".

טענענבוים איז געווען באַשאָנקען מיט אַ גאָר רייכער פאַנטאַזיע, וואָס האָט אים באַפליגלט. ער איז געווען אַ פאַרפאַלענער ראָמאַנטיקער, האָט עס אים געצויגן צו שטאַרקע דעקאָראַטיווע פאַרבן, צום ביזאַרן און יום־טובדיקן פּאַטאָס פון לעבן. אין ס׳רוב פון זיינע דערציילונגען און זכרונות, ווו ער באַשרייבט די קליינע דראַמעס פונעם גרויסשטאָטישן לעבן, איז דער אַקצענט אויפן לעצטן אַקט איידער דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ. נישטאָ קיין פּאַטאָס בעת דעם פאַרנאַכט פון מענטשדראַמעס. די טראַגיק פון די אַנטוישטע און דערשלאָגענע פון לעבן, ווען זיי גייען אַרום מיטן אַש פון זייערע ליבעס, אייפערזוכטן, מידע פאַראיינזאַמטע, זיי ״ווערגן זיך מיט זייער מוראדיקן אומעט און טרויער״ — דאָס האָט ער פאַרצייכנט וועגן יידישע אַקטיאָרן, באַרימטע נעמען. די אַפּישן זייערע האָבן באַצירט די ווענט פון דער דרוקעריי.

אויף דער עלטער טוליען זיי זיך צו די אַמאָליקע פייערן מיט זייער אָפּגלאַנץ, זיי רופן נאָר אַרויס מיטלייד אָדער אַ ציניש־מאַסקירטן חוזק־שמייכל פון אַ גראָבן פליגלל... אַ סך פון זיינע דערציילונגען אָטעמען מיט טרויער און פאַר די לייענער אַנטפּלעקט ער נאַכטיקע שוואַרצקייט פון שקיעה־שילדערונגען ביי זיינע פאַרפּיקסירטע געשטאַלטן. ער שילדערט יסורים און ראַנגלענישן, די שפּיל פון לעבן און טויט, פון יוגנט־תאוות און זינד, און וואָס איז דער סוף?... אַ סך מעדיטאַציעס וועגן טויט איז פאַראַן אין די דערציילונגען זיינע. דער מחבר דערציילט אונדז גוט באַקאַנטע אמתן פון לעבן, אַז מ׳איז יונג, ווייסט מען נישט, וואָס אַזוינס ס׳איז דער טויט — אַזוי לאַנג ווי עס פלאַטערט אַרום אונדז יוגנטלעכקייט, רעדט מען נישט, טראַכט מען נישט, אַז נאָכן פרימאָרגן און בייטאָג קומט דער פאַרנאַכט און ביינאַכט... ערשט ווען מען ווערט עלטער און אַלט, דאַן דערשפּירט מען דעם מלאך־המוות — ער געפינט זיך נישט ווייט... דאָס איז טאַקע נישט קיין נייעס, אָבער ווען דאָס ווערט אַריינגעוועבט אין שטימונגספולע דערציילונגען, וואָס זענען בלויז אַרויסגעריסענע בלעטער פון לעבן, ווערן אָט די מעדיטירונגען אַרומגענומען מיט בלוט און פלייש, זיי באַקומען אַ רוח חיים.

דאָס איז געווען ש. טענענבוים אין זיינע בעסערע דערציילונגען, מיט וועלכע ער האָט אויסגעפילט זיינע דיקע ביכער במשך פון צענדליקער יאָרן.

אַ סך געמיט און שטימונג איז פאַראַן אין זיין שילדערונג ״אַ הויז אין בראָנקס״. ער האָט מיט זיין אייגנאַרטיקער פאַרב געמאָלן אַ יידישע היים אין ניו־יאָרק, מיט ליכטיקע געשטאַלטן, ווי ר׳אליעזר אַפּאַטשינסקי און זיין פרוי רינה. די וואַרעמקייט, גוטסקייט און האַרציקע פריינדשאַפט, וואָס זיי האָבן אַנטקעגן געטראָגן יעדן גאַסט, באַזונדערס, אַ יידישן שרייבער, וואָס האָט געעפנט זייער טיר... דער מחבר שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף זייער שיינער מידה פון צדקה בסתר פאַר יידישע צוועקן — ווייזן דעם קאָנטראַסט פון די, וואָס גיבן מיט אַ געשריי נאָך כבוד און גלעקל־קלינגעריי... אין דער דערמאָנטער דערציילונג, איז דער טראָפּ געשטעלט אויף דעם אומעט און טרויער פון פאַרגיין. אַ יידישע משפחה, אַ יידיש הויז ווערט אָפּגעווישט... דער לירישער טאָן און וואַרעם לשון באַהויכן דאָס בילד, וואָס גראַווירט זיך איין אינעם געמיט פון לייענער פון אַ ״הויז אין בראָנקס״.

איך האָב באַקענט בראָנקס בעת מיין איינמאָליקן באַזוך אין אַמעריקע. איך האָב אַ סך טעג פאַרבראַכט אין וואַרעמע יידישע הייזער, ווו איך האָב זיך געפילט גוט און זיך צוגעטוליעט צו די איינוווינער אין זיי, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן מיר נאָענטשאַפט... ש. טענענבוים האָט געהאַט אַ שטאַרקע התמדה צו ביכער. ער האָט אַ סך אַריינגעלייענט אין זיי, און אַ גרויסע מעלה איז געווען זיין גוטער מאָגן צו פאַרדייען זיי. מען זעט עס אין זיינע ווערק, פון וועלכע עס קענטיקט זיך זיין ערודיציע אין ליטעראַטור־זשאַנערן. ער האָט געהאַט אַ גוט אויג פאַר מאָלערייען און אין זיין שרייבן אָפט געמאַכט גאַנץ געלונגענע פאַרגלייכן. ער האָט דערציילט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן וועגן זיין

הונגער צו ביכער. אפשר האָט ער איבערגעטריבן וועגן זיך, אַז "דורך מיין גאַנץ לעבן כ'האָב אפשר אַריינגעלייענט אַ גרעסערע ביבליאָטעק, ווי פון פאַרצייטישער אַלעקסאַנדריע".

איך קען נאָר אויפן סמך פון זיינע ציטאַטן און באַמערקונגען וועגן שרייבער און קינסטלער אַרויסדרינגען, אַז ער האָט זיך געפילט גאַנץ היימיש אין זייערע געצעלטן, און ער ווייסט ווו אַ פסוק געפינט זיך און אים זייער פאַסיק אויסנוצן.

ער האָט אָבער אויך אַ גאָר גרויסע שוואַכקייט צו דיגרעסיעס און זיי זענען אין א היפשער צאָל צעזייט איבער די זייטלעך פון זיינע ביכער. ער האָט זייער אַ סך פאַרצייכנט אין זיינע ווערק. צווישן זיי טיילט זיך אויס די געשטאַלט פון העניך גליצענשטיין. פון די געצייכנטע שטריכן איז אַרויסגעקומען אַ לעבעדיק וועזן פון אָט דער קינסטלערישער פערזענלעכקייט, געזען פון דער נאָענט. רירנדיק איז געשילדערט די באַציונג פון דעם גרויסן קינסטלער צו דער מאַמען פון מחבר. ער באַשרייבט עס אויף אַזאַ אופן: "גליצענשטיין האָט אַ באַליידיקטע מאַרטירערין פון לעבן, וועמען איר מאַן האָט אַ סך יאָרן אַראָפגעבויגן איר קאָפּ צו דער ערד, געזוכט צו פאַרגיטיקן און לינדערן איר פיין". אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט דער מחבר וועגן זיין טאַטן, אַז "ער האָט אָפּט געשאַרלאַטאַנעוועט". ביים לייענען אָט די "כיבוד־אַב"עפּיטעטן, האָב איך געטראַכט, וואָס דער זעלבער מחבר האָט געזאָגט וועגן די שאַפונגען פון דיכטער זישע באַגיש, אַז ער האָט געדאַרפט געדענקן פאַרן אָפּגעבן צום דרוק, אַז "מאַנוסקריפּטן נויטיקן זיך אין כסדרדיקן אַרבעטן און איבעראַרבעטן".

ביים באַטאָנען אויך די שאָטנזייטן פון זיינע ביכער, שאַץ איך אָבער אויך אָפּ דאָס ווערטפולע פון זיינע שילדערונגען, די פיינקייטן פון זיינע לירישע שטעלן, פון בילדלעכן לשון און לעבעדיקן געמעל. איך האָב פריער דערמאָנט די ווערטיקייט פון זיינע באַשרייבונגען פונעם יידישן לעבן אין אַנטווערפּן. דורך די צען יאָר וואָס ער האָט דאָרטן געלעבט, האָט ער זיך אָנגעזאַפּט מיט דעם שטייגער־לעבן פון די אימיגראַנטישע יידן, צווישן וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן אַ רייכע גאַלעריע ספּעציפישע טיפּן. אַנטווערפּן האָט צווישן ביידע וועלט־מלחמות געהאַט אַ מין אָנגעלויף פון אימיגראַנטישע יידן, וואָס האָבן נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען צו שאַפן אַ סטאַבילן יידישן ישוב מיט קולטור־באַדערפענישן און טראַדיציעס. אסימילאַטאָרישע אונגאַרישע יידן האָבן אַרויסגעגלאַנצט מיט זייער הולטייסקן שטייגער און דיאַמענטן... מיט זייער לעבן פאַרנעמט זיך דער מחבר זייער ווייניק אין זיינע זכרונות.

פון 1934 לעבט ש. טענענבוים אין אַמעריקע און דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין טויט. בעת זיינע יאָרן אין אַמעריקע האָט ער אין זיינע אַרויסגעגעבענע ביכער באַוויזן צו שאַפן פיינע מיניאַטורן און פּראָפיל־צייכענונגען פונעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן. מיר רעדן נאַטירלעך וועגן זיינע בעסערע געלונגענע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס האָבן צוגעצויגן דעם אויפמערק פון בעסערן לייענער. ער האָט אויך ביי פאַרשיידענע מאָמענטן מעדיטירט וועגן ליטעראַטור, קולטור און בכלל וועגן גורל־פּראָבלעמען פון אונדזער פאָלק.

פונקט אַזוי ווי נישט ווייניק פון זיינע כאַראַקטעריזירטע טיפּן לעבן אין איינזאַמקייט, אַזוי אויך טוט זייער מחבר. ער האָט ביז זיין טויט געלעבט אין איינזאַמער שטילקייט. אמת, אַז דאָס איז פאַרשוווּנדן בעת ער האָט זיך געזעצט צום שרייבטיש. ער דערציילט עס אַז "איינער וואָס האָט קיין מאָל נישט חתונה, כדי זיך צו קענען אויסלעבן מיט זיינע ראָמאַנטישע געשטאַלטן, וואָס ווערן נישט אַלט אין זיין פאַנטאַזיע, פירט אים זיין פעדער צו געגאַרטע שיינקייטן נאָך וועלכע ער לעכצט זיין גאַנץ לעבן. ער זוכט זיי אין דער פרי אין די האַרבסט־קאָלירן אין ליד און דערציילונג, ווי בכלל אין די שיינקייטן פון פשוטן לעבן".

ווען מען רעדט אָבער וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ סך טרויער און דורכפאַלן. עפּעס האָט ער געמוזט ירשנען פון זיין טאַטן דעם "מאָנאַרכיסט". ער דערציילט וועגן טאַטן אין זיין בוך "דער אמת זאָל זיין דיין שטערן", אַז ער האָט יאָרן־לאַנג נאָך דער באָלשעוויסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געהאַלטן אין איין אויפקויפן די צאַרישע באַנקנאָטן, אויסגעבנדיק די לעצטע גראָשנס אויף די קאָלירטע פּאַפּירלעך, גלויבנדיק, אַז זיי וועלן צוריק באַקומען זייער ווערט.

דער שרייבער אין טענענבוים, האָט אויך דורכגעלעבט נישט ווייניק אַנטוישונגען אין לעבן, און זיי האָבן גורם געווען ער זאָל זיך אַליין פאַרשאַפן פיין און אומעט. אָבער ווי אין פּרצעס "דריי מתנות" האָט טענענבוים זיך אויך דערפרייט, ווען ער האָט געהערט וועגן גרויסע מעשים, אין וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט די שיינקייט פון גייסטיקער גבורה. טענענבוים האָט באַשריבן די גרויסע טואונג, וואָס דער יידישער דיכטער זישע באַגיש האָט אַרויסגעוויזן אין בירקענאַוער לאַגער די לעצטע שעהן פון זיין לעבן, "דעם טויט פון אַ יידישן דיכטער — וואָס טראָגט צו גאָט אַרויף אַ פליגל פון זיין אָפּגעזענקטער נשמה, ווי אַ שטורקאַץ, דאָס לעבן, דאָס אָפּגעראַטעוועטע לעבן פון א ייד".

איך מייד אויס אָנצורופן דעם נאָמען פון דעם אָפּגעראַטעוועטן ייד (וואָס טענבוים גיט יאָ אָן), מחמת דער ייד לייקנט עס אָפּ, מיטן אויסרייד, אַז ס'איז בלויז שרייבערישע פאַנטאַזיע. עס איז נישט מיין אויפגאַב צו באַשטימען ווער עס איז גערעכט...

מיט טענענבוי̇מס טויט איז אַוועק א פּרוכטיקער יידישער שרייבער, וואָס האָט זיינע פינגערצייכנס אויף אַ היפּשער צאָל געצייכנטע מיניאַטורן מיט דערהויבענע און צאַרטע וויניעטן און בילדער פון קליינע און גרעסערע דראַמעס מיט זייערע הויך־פּונקטן, באַגלייט מיטן אומעט פון פאַרגיין...

## יצחק קאַהאַן — אַ בן־שמונים

אונדזער חשובער מיטאַרבעטער, דער באַוווּסטער שרייבער יצחק קאַהאַן, וועלכער וווינט זינט יאָרן אין מעלבורן, אויסטראַליע, איז אַלט (יונג) געוואָרן אַכציק יאָר . זיינע ליטעראַטור־קריטישע עסייען און אָפּהאַנדלונגען איבער ביכער דרוקן זיך אין אַ סך יידישע צייטשריפטן איבער דער וועלט. ער האָט אַרויסגעגעבן זעקס וואָגיקע ביכער אין יידיש און איינס אין ענגליש ; באַקומען אַ צאָל ליטעראַרישע פּרעמיעס, און לעצטנס — דעם פּרעסטיזשפולן "מאַנגער־פּריז" אין מדינת ישראל.

דאָס אַכציקסטע געבוירניאָר פון יצחק קאַהאַן איז פייערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן אין אויסטראַליע דורך זיינע לייענער, פריינד און פאַרערער.

צו די פילצאָליקע ווונטשן צום בעל־יובל פאַר לאַנגע, געזונט און שעפערישע יאָרן, שליסן זיך אָן די —

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון "חשבון"

# כראָניק פון ל.א. אידישן קולטור־קלוב

דער היגער יידישער קולטור־קלוב וועלכער איז שוין אריין אין 65סטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ און איז ברייט באַקאַנט מיט זיינע ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע פּראָגראַמען האָט, ווי אַלע יאָר, אָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט פאַרן סעזאָן 91־1990, גלייך נאָך סוכות.

* מוצאי שבת, אָקטאָבער 13, 1990 : יעקב לעווין, דער טאַלאַנטפולער פּאַרליייענער, איז אויפגעטראָטן אין אַ פּראָגראַם געווידמעט די שרייבער און פּאָעטן פון ״יונג ווילנע״. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: ריסאַ איגעלפעלד מיט איר אַקאָרדיאָן.

* מוצאי שבת, אָקטאָבער 20 : אונדזער אייגענע, טאַלאַנטפולע לעקטאָרין לילקע מייזנער האָט רעפערירט וועגן די ווערק פון סאָוועטיש יידישן שרייבער איסאַק באַבעל. ביי דער פּיאַנאָ פּסח מאַלעוויטש.

* מוצאי שבת, אָקט. 27 : דער פּאָעט חיים שוואַרץ האָט גערעדט וועגן די ווערק פון אַ. גלאַנץ־לעיעלעס. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: רוט גאָלדין ביי דער פּיאַנאָ.

* מוצאי שבת, נאָוו. 3 : דער באַקאַנטער פּאַרלייענער יעקב באַסנער אין אַ פּראָגראַם פון די ווערק פון י.ל. מאַלאַמוט, מוזיקאַלישע פּראָגראַם : איזאַבעל קעץ, געזאַנג ; רעגינאַ ראַטמאַן, פּיאַנאָ.

* מוצאי שבת, נאָוו. 10 : פּראָפּ. הענרי סלוצקי האָט גערעדט וועגן דעם דענקער ב.ב. סקינער און זיין געדאַנקן־גאַנג. נאָך דער לעקציע — דיסקוסיע.

* מוצאי שבת, נאָוו. 17 : מאָטל האָרוויץ האָט געלייענט פון איציק מאַנגערס חומש־לידער. מוזיק: ריסאַ איגעלפעלד מיט איר אַקאָרדיאָן.

* מוצאי שבת, נאָוו. 24 : פּראָפּ. מאַרווין צוקערמאַן האָט רעפעריכט וועגן רודאָלף ראַקער, דער ניט־יידישער ייד. מוזיק: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ, ביי דער פּיאַנאָ, סוועטלאַנאַ.

* מוצאי שבת, דעצעמבער 1 : צוליבן טויט פון משה כהן, לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון קולטור־קלוב, איז דער פּראָגראַם געוואָרן אָפּגעלייגט. פּרטים צו די שלושים.

* מוצאי שבת, דעצ. 8 : דער פּאָעט און רעדאַקטאָר פון ״חשבון״ משה שקליאר האָט רעפערירט וועגן ישעיהו שפּיגל ״דער מייסטער פון פּאָעטישער פּראָזעקונסט״. מוזיק: איזאַבעל קעץ — געזאַנג; רעגינאַ ראַטמאַן — פּיאַנאָ.

* מוצאי שבת, דעצ. 15 : אַ חנוכה־אָוונט. בעלאַ פּאָזי האָט פּאָרגעלייענט פון שלום עליכמס חנוכה מעשיות. מוזיק: דער אַ.פּי.איי. כאָר אין אַ פּראָגראַם פון חנוכה־לידער. דיריגענט : ניצאַ נימאַן.

מוצאי שבת, דעצ. 22 : אַ גאַסט פון מעקסיקע, מאַיאַ ווייספעלד־אייזן, אַ יידיש לערערין, האָט דערציילט פון איר באַזוך אין פּוילן און ישראל צוזאַמען מיט אַ גרופּע שילער פון איר שול און איבער 5000 יוגנטלעכע פון דער גאָרער וועלט.

* מוצאי שבת, דעצ. 29 : בערנאַרד מ. ווייסבערג, באַקאַנטער טוער אין דער ציוניס. אַרבעטער־באַוועגונג האָט רעפערירט אויף דער טעמע: מדינת ישראל אויפן שוועל פון 1991.

## שלושים

* מוצאי שבת יאַנואַר 5 : שלושים נאָך אונדזער באַליבטן און שטאַרק רעספּעקטירטן פּאָרזיצער משה כהן, וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט, נאָך אַ לאַנגן, פּאַרצויגענעם קאַמף מיט דער טויטלעכער מחלה קענסער. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם קלוב אויף א

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* הינדע זאַרעצקי: "ערשטער קונסט־קריטיקער", לידער, 126 זז׳, פאַרלאג "ישראל בוך" 1989. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון דער מחברטע און איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילן: קונסט־קריטיקער; פרינץ פון לידער; שעה פון געזעגענען; בריוו, און קונסט און קינסטלער.

* מאיר חרץ: "נאָכן סך־הכל 2", לידער, 126 זז׳, פאַרלאַג "אייגנס", ירושלים 1990. אינעם אַריינפיר שרייבט דער מחבר צוו. אנד.: "דאָס איצטיקע לידער־בוך באַשטייט פון צוויי טיילן: 1. נאָכן סך־הכל — צוויי. דאָס זענען לידער אָנגעשריבענע און אַ גרויסע טייל פון זיי געדרוקטע אין פאַרשידענע צייטשריפטן נאָך דעם ווי ס׳איז אַרויס אין 1987 מיין בוך "נאָכן סך־הכל — איינס"... 2. משלים׳דיקע לידער, וועלכע זענען צעוואָרפן איבער עטלעכע לידער־ביכער מיינע."

דאָס איז דאָס ניינטע בוך וואָס דער מחבר האָט אַרויסגעגעבן זינט ער איז עולה געווען פון סאָוועטן־פאַרבאנד קיין ישראל.

* חיים קעניגער: "אין שטח פון צייט", לידער, פאַריז 1990. דאָס בוך איז פונאַנדער־געטיילט אין צוויי טיילן. אין ערשטן (132 זז׳) קומען לידער אין יידיש, און אין צווייטן (128 זז׳) קומען לידער אין יידיש און אין פראַנצויזישער איבערזעצונג. די הילע איז געצייכנט פון מרדכי ארדון; פּאָרטרעט פון מחבר — שעיל; צייכענונג — מאַנע קאַץ.

* גרוניאַ סלוצקי־קאהן: "קינדער לידער", 92 זז׳, אַרויסגעגעבן דורך "פאַרלאַג יידישע שול ביי די מאָנטרעאַלער יידישע פאָלקס־שולן און פּרץ־שולן", מאנטרעאל 1990.

* "זכרונות וועגן אסתר". דאָס בוך, אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, 1990, איז געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון דער יידישער לערערין אסתר קאָדאָר כהן ע"ה. אין דער הקדמה זאָגט זיך צוו. אנד.: "מיר ווילן מיט אָט דער העפט "זכרונות וועגן אסתר" אויך אויפלעבן יענע גאַנצע פאַרגאַנגענע וועלט פון שולן, לערערס, פאַרוואַלטערס און תלמידים וואָס איז שוין כמעט אין גאַנצן פאַרגאַנגען".

* הערש סגל: טשערנאָוויצער יידישע פּאָעטן איציק מאַנגער, יעקב פרידמאַן, מאיר חרץ. 90 זז׳, פאַרלאַג י.ל.פּרץ, תל־אביב 1991.

* "די גאָלדענע קייט", נומ. 129, פערטליאַר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. רעדאַקטאָר: אברהם סוצקעווער, רעדאַקציע־סעקרעטאַר: אלכסנדר שפּיגלבלאַט.

* "דער אָנהייב", נומ. 17, נאָוועמבער 1990. ליט. זשורנאַל, אַרויסגעגעבן אין מיאַמי־ביטש, פלאָרידאַ. רעדאַקציע: אשר שטשוטשינסקי, משה בעקער.

הויכן קולטורעלן ניוואָ, איז געווען אַקטיוו כמעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, און אַפילו ווען ער האָט שוין אַליין ניט געקענט קומען, האָט ער נאָך אַלץ זיך אינטערעסירט מיט יעדן פּרט. משה כהן איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער "לעצטער מאָהיקאַנער" פון אַ צאָל גוט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיטן קלוב אין פאַרשידענע צייטן. עס האָבן אים מספּיד געווען פאָרשטייער פון אַ צאָל אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע דער נפטר איז אויך געווען אַקטיוו. מיר וועלן אים לאַנג געדענקען.

*

* מוצאי שבת, יאַנ. 12: אַ גאַסט אין ל.א.די באַרימטע אַקטריסע חיה׳לע אַש האָט גערעדט וועגן אברהם גאָלדפאַדען, דער פאָטער פון יידישן טעאַטער און זיין צייט.

# אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן

## טייערע אסתר

מיר דריקן אויס אונדזערע געפילן פון טרויער
צוליב דעם פאַרלוסט פון אייער טייערן מאַן, פאָטער, זיידע
און אונדזער באַליבטן פריינד

## משה כהן

ווערטער פון טרייסט און ליבשאפט צו אייך

באַרנעס מאַרי און רות
גאַרפיין מאַניע און רחל
גילינסקי ליובאַ
וועלטמאַן פראַניע
זשוק חיים און סאַבינע
טייטעלבוים שפרה
לעווין יעקב און רעגינע
מייזנער שלמה און לילקע
סאָסקי יוסף און העלען
פרידמאַן יהודה און מלכה
קאָרנבליט שאָשקע
קרישטאַל שלום
ציעשינסקי חיים
שטיינמאַן נתן
שלאָסער נעכע
שקליאַר משה און דבורה

---

* מוצאי שבת, יאַנ. 19: נאָך אַ גאַסט, דאָס מאָל פון אַרגענטינע. דער באַוווסטער שרייבער און לעקטאָר שמואל ראָזשאַנסקי האָט גערעדט אויף דער טעמע: וואָס האָט אַמעריקע בייגעשטייערט צו דער יידישער ליטעראַטור?

* מוצאי שבת, יאנ. 26: אונדזער אייגענע פיינע אויסטייטשערין פון דער יידישער ליטעראטור לילקע מייזנער האָט רעפערירט וועגן די ווערק פון חיים פּאָטאק און זיין יידישע וועלט. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: ריסא איגעלפעלד מיט איר אַקאָרדיאָן.

* מוצאי שבת, פעב. 2: איז אויפגעטראָטן פּראָפ. דזשאַנעט האַדאַ. איר טעמע: די ליבע־לידער פון דער פּאָעטעסע ציליע דראַפּקין. מוזיק: דער יונגער, פיינער אַקאָרדיאָניסט מאָרטאָן שטיינמאַן.

* מוצאי שבת, פעב. 9: יעקב באַסנער, דער פיינער פּאָרלייענער, האָט דערציילט וועגן ריגע, לעטלאַנד, פון וואַנען ער האָט זיך איצט אומגעקערט. ער האָט אויך פּאָרגעלייענט אייניקע נאָוועלעטן פון מאַרק ראַזומני.

* מוצאי שבת, פעב. 16: גאָר א וויכטיקער גאסט פון ישראל. דב נוי, פּראָפעסאָר פון יידישן פאָלקלאָר ביים ירושלימער העברעאישן אוניווערסיטעט, איז אויפגעטראָטן מיט אַ לעקציע. די טעמע: פּורים־שפּיל און דער אָנהייב פון יידישן טעאַטער.

יעקב שייפער

## אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן

די מיטגלידער פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס
טרויערן אויפן טויט פון אונדזער חשובן לאַנגיאָריקן
פּאָרזיצער, דעם אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן און קולטור־טוער

### משה כהן ז״ל

מיר וועלן אים שטענדיק געדענקען ווי אַ האַרציקן
חבר און פריינד, אַן אומדערמידלעכן בויער
און ליבהאָבער פון דער יידישער קולטור.

**כבוד זיין אָנדענק!**

**די פאַרוואַלטונג**

---

## *ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION*

### *IN MEMORIAM*

## *MOSHE COHEN*

Late Chairman, Executive Board
Los Angeles

The Israel Histadrut Foundation expresses its profound sadness and sincere condolences to his wife ***Esther***, sons ***Norman***, ***David*** and ***Ronnie***, and their entire families.

We shall always remember his spirit, and dedication to Israel and the Jewish People.

***Mervin Kurtzman***
President

***Dorothy Nathanson***
Chair

***Abraham Frank***
Executive Vice President
West Coast

## אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן
מיטגעפיל און צער צולב דעם פאַרלוסט
פון דעם לאַנגיאָריקן חשובן

געזעלשאַפטלעכן טוער

געוועזענעם פאָרזיצער פון
יידישן קולטור־קלוב

# משה כהן ז״ל

זאָלן די איבערגעבליבענע משפחה
און פריינד מער ניט וויסן
פון קיין צער.

## קאָמיטעט

ווילנע, אומגעגנט און פריינד

# אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן

מיט צער און ווייטיק באַווײנען
מיר דעם טויט פון אונדזער ליבן
פריינד און געוועזענעם פאָרזיצער
פון יידישן קולטור־קלוב

## משה כהן ע״ה

מיר טרייסטן זיין אלמנה אסתר
און זיין גאַנצע משפחה.
ווייסט נישט מער פון קיין צער
המקום ינחם אתכם
בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**שמחה און שרה ליינער**

**ליבע אסתר**

נעמט צו מיין באַדויער אויף
אייער גרויסן פאַרלוסט. אַזאַ מענטש
ווי **משה** איז געווען — צו גאָט
און צו לייט. עס איז אַ גרויסער
פאַרלוסט פאַר אונדז אַלעמען, פאַר דער
גאַנצער באַוועגונג.
זייט געטרייסט, מיין טייערע!
מיט פריינדשאַפט —

**אסתר גיבערמאַן**

מיט ליבע און דרך ארץ ווען
מיר שטענדיק דערמאנען

## משה כהן ז״ל

דעם וואַרעמען מענטשן און
קולטור־טוער.
זייט געשטאַרקט, טייערע אסתר
צוזאַמען מיט אייערע וווּנדערפולע
צוויי משפחות.

**באַשע און וו. וואַנאמייקער**
**ליסאַ און דב און אדם**
**לעבאָווסקי**

***MOSHE COHEN***

***A BELOVED LEADER***
***A COMMITTED ZIONIST***
***REMEMBERED WITH***
***MUCH RESPECT***

RAY & MARTY SHAPERO

# אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן

צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער
אַרבעטער־באַוועגונג און יידישן
קולטור־קלוב וועלן מיר מיט ליבשאַפט
און דרך ארץ שטענדיק דערמאנען
דעם נאָמען פון

## משה כהן ז״ל

אונדזער באַליבטן חבר און פריינד
מיר טיילן דעם צער פון דער גרויסער
אבידה מיט דער ליבער אלמנה

אסתר און גאַנצער משפחה

**צבי און טאָני הירש**

---

מיר טרויערן אויף דעם קאָלאָסאַלן
פאַרלוסט פון אונדזער טייערן חבר

## משה כהן ז״ל

פרעזידענט פון לאָס־אַנדזשעלעסער
יידישן קולטור־קלוב. זאָל זיין ליכטיקע
נשמה באַלייכטן אונדזערע פאַריותמטע
הערצער. זאָל זיין אלמנה אסתר כהן
מיט אירע קינדער און די
משפחה כהן געטרייסט ווערן. אמן!

**הצפירה — קלוב נעמת**

סימע קאַרפּ־לעווקאָוויץ, פרעז.
הענרי טענער, וו. פרעז.
גערטרוד און סעם מור

---

מיר טרויערן אויפן טויט פון דעם
אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן און קולטור—
טוער, דעם לאַנגיאָריקן פּאָרזיצער פון
יידישן קולטור־קלוב און מיטגליד
פון דער ״חשבון־פאַרוואַלטונג

## משה כהן ע״ה

דער אלמנה אסתר און דער גאַנצער
פאַראבלטער משפחה — אונדזערע
אויסדרוקן פון טיפן מיטגעפיל.

**״רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג**

פון ״חשבון״

---

אינסטיטוס פאר יידישער דערציונג
מיר טרויערן אויף דעם פאַרלוסט
פון אונדזער פרייד

## משה כהן ז״ל

ער וועט אונדז זייער אויספעלן
די פאַרוואלטונג.
נאָרמאַן קארין, פאָרזיצער

---

ציוניסטישער אַרבעטער
פאַרבאַנד
לוי סענעסיב, פרעזידענט

---

מיני אלווייז
שרה טארטשינסקי
גערטרוד קושנער, פינ. סעקרעטאַר.

# אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן

ציוניסטטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד־
יידיש־ברענטש
נאָרמאַן קאַרין, פאָרזיצער

---

בויט דעם קלוב און פארייביקט
משה כהנס נאמען
אייזנמאן רבקה און פאַמיליע

---

אַלבאַ געניאַ און וואָלף

---

אַ טרער פאַר משהן ז״ל
אַ טרייסט־וואָרט פאַר אסתרן
ישראל גובקין און משפחה

---

גערבאָוויטש נתן און לודמילאַ

---

משה כהן ז״ל
כבוד זיין אָנדענק
ד״ר האַדא זשאַנעט

---

טאובער בן או סאַלי

---

לובין דוד

---

מילשטיין לואי און ראָוז

---

מלאך־קרעמער לאָטי

---

## אין טיפן טרויער אויפן טויט פון משה כהן

ליבע אסתר און משפחה
מיר וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן
אייער ליבן מאַן, פאָטער, קרוב
און פריינד.

רחל און מענדל סלוצקי

---

## סענעסיב פריידע און לואי

---

## עלטערמאַן שיינע

---

## קאַפּלאַן דוד און רחל

---

## קליינבאַרד בעני

---

## שייפער יעקב און דאָראַ

---

## שעפּס חנה און שמעון

---

אַלעקסאַנדער חוה
האַלבערט מינאַ
זיממער איידאַ
זילבערצווייג ציליע
ליפשיץ אסתר
מייפער אלחנן און ווירא
סלוצקי אברהם און משפחה
פּאָזי בעלאַ

פעלנער מאַראָקאָ — משה און פייגע
פרידמאַן גרשון און חיה
ד״ר צוקערמאַן מאַרווין און קאַטרין
ראָזענבלאַט לייב און עטל
ראָטבלום יצחק און זהבה
שוואַרץ חיים
שידלער חיים און רעגינאַ

## רשימה פון ״חשבון״־שטיצערס פאַר 1990/91

אייזמאַן רבקה, ל.א.
אַנגעלטשיק, אַדינקור, פראַנקרייך
ד״ר ה. בורסטין, ל.א.
גראָוויטש נתן, ל.א.
דזשערוס (ירושלמי) גרשון און ראָזא
אַנאַהיים, קאַל.
דויטש לוסי, שיקאַגאָ
וואַנאמייקער באַשע, ל.א.
לובין דוד, ל.א.
ליינער שרה און שמחה, ל.א.
לעווין יעקב און רעגינאַ, ל.א.
מאַרקעל י., פּאַריז
מעלאַמעדאָוויטש פייגל, שיקאַגאָ
ניומאַן יוסף, און ראָזאַלין,
סקאַרסדייל, נ.י.
קאַפּלאַן דוד און רחל, ל.א.
קאַרין נאָרמאַן און בערטאַא, ל.א.
קאַרסאָן מנחם, ל.א.
קאַרפּ־לעפקאָוויץ, סימע, ל.א.
קושנער אבעל און עטל, מעקסיקאָ סיטי
קעניגער חיים, פּאַריז
קרעמער־מלאך לאָטי, ל.א.
רוהמאַן חנה, ל.א.
שאַרף לארי און עלסי, ל.א.
שאַפּיראָ שעלבי, בעטעסדאַ, מערילענד
שוואַרץ פעני, שיקאַגאָ
ד״ר שייפער בענסאָן און דאנא,
פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן
אַרבעטער־רינג, דיסטריקט־קאָמ, ל.א.
היסתדרות־פונדאַציע, ל.א.
יידישע חבורה אין פּאַסיפיק
פּאַליסיידס, קאַל.
ציוניסטישער אַרב.־פאַרבאַנד, ל.א.

די אַלע יחידים און אָרגאַניזאַציעס —
אונדזער דאַנק.

**רעד. און פאַרוו. פון ״חשבון״**

---

אין אָנדענק פון מיין
טייערן מאַן
**אריה פּאָזי ע״ה**
בעלאַ פּאָזי

אין אנדענק פון אונדזער
טייערער
**רחל קליינבאַרד ע״ה**
בעני און זין —
מייראָן און דזשיי

אלע אונדזערע פריינד, מיטגלידער פון יידישן קולטור־קלוב
און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל
אויפן טויט פון אונדזער באַליבטן

## משה כהן ז״ל

אונדזער דאַנק

**אסתר כהן און משפחה**